זאל אייער געלט שטיצען דאס קאלטע שטאהל אויפ'ן שלאכטפעלד-קויפט ,,וויקטארי באנדס

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
CANADA

A JEWISH CANADIAN DAILY Circulated All Over Canada And Abroad

א קענעדער אידישע צייטונג פאר אלע קלאסען אידען.

VOLUME IV No 2220 . Toronto Friday October 18 1918 . יב חשון פרשה לך ־ לך תרע"ט. פרייטאג דער 18־טער אקטאבער 1918. PRICE TWO CENTS

A S Freidus c/o The New York Public Library 476 Fifth Ave

ליל און אסטענד אין די הענט פון די ענגלענדער

גרויסער אלייאירטער זיעג אין בעלגיען און צפון פראנקרייך, דייטשער ריקצוג האט זיך פארוואנדעלט אין א געלאף, ליידיגען אפ די שטאדט און הייסען די איינוואוינער צו געהן צו די ענגלענדער

ענגלענדער האבען אנגעפאנגען א נייע אפענסיווע מזרח פון קאמבראי

לאנדאן, אקט., 17.

די עלליים מעגען זיך גראטולירען מיט די גרעסטע צוויי זיעגע, וועלכע זיי האבען געהאט היינט ציט דער גרויסער אפענסיווע, וועלכע איז אנגעפאנגען געווארען פון גענעראל פאש דעם 15־טען יולי.

ליל און אסטענד זענען היינט פארנומען געווארען פון די עלליים. די ערשטע די שטארקסטע פעסטונג, וועלכע די דייטשען האבען געהאלטען אין צפון פראנקרייך און די צווייטע די גרעסטע סובמארין באזע, וועלכע די דייטשען האבען געהאט אויפ'ן בעלגישען ברעג.

די ענגלישע אדמיראליטעט האט היינט אפיציעל פארעפענטליכט אז די ענגלישע נייווי קרעפטען האבען פארנומען אסטענד.

ענגלישע קריעגס שיפען אונטער דער קאמאנדע פון וויצע אדמיראל קיעס האט 12.55 נאכמיטאג פארנומען אסטענד. דער באריכט לעזט זיך ווי פאלגט:

לופט שיפען צוזאמען מיט דער נייווי האבען געלאנדעט אין אסטענד היינט פריה און זיי באריכטען אז דער שונא איז דארט מעהר ניטא.

וויצע אדמיראל סער ראדזשער קיעס וועלכער קאמאנדירט די פלאטע פון דאווער איז ארײן אין דאווער היינט נאכמיטאג.

פראנצויזישע קאוואלעריע פאטרולען האבען היינט דערגרייכט אסטענד און האבען צוריקגעבראכט דעם באריכט, אז פון די דייטשען איז שוין דארטען קיין סימן ניטא.

מען גלויבט אויך, אז די דייטשען האבען אויך אפגעליידיגט זיברוג.

זיברוג איז אויך א דייטשע סובמארין באזע וועלכע געפינט זיך אויפ'ן בעלגישען ברעג 15 מייל פון אסטענד. די ערשטע גרעסטע באזע איז אבער געווען אסטענד.

אין אנפאנג זומער האט דער זעלבער וויצע אדמיראל קיעס, וועלכער איז יעצט מיט א פלאט ארײן אהין פארבלאקירט די דאזיגע באזעס דורך זינקען שיפען ניט וויט פון ארײנגאנג.

ליל געפאלען.

לאנדאן, אקט., 17.

לויט אן אפיציעלען באריכט פון שלאכטפעלד, האבען די ענגלענדער פארנומען די שטאדט ליל. די דייטשען האבען ביים אפליידיגען די שטאדט זי ניט באשעדיגט. די ענגלענדער האבען גלייך פארנומען אלע פארטען אין שטאדט.

פון פאריז ווערט באריכטעט, אז די עלליים האבען זיך פאלשטענדיג דורכגעריסען דורך דער צווייטער דייטשער פארטיידיגונגס ליניע אין בעלגיען. אלייאירטע קאוואלעריע האט שוין אוועקגעמארשירט ביז ניין מייל אין פאראויס.

פאן ארנימ'ס ארמיי, וועלכע באשטעהט פון זעכצעהן דייטשע דיוויזיעס ציהט זיך ניט צוריק, נאר לויפט צוריק פונ'ם גאנצען ראיאן פון צפון ים ביז ליל.

מיליטערישע קריטיקער האבען ערווארטעט אז דער גענעראל וועט זיך שוין לאנג צוריקציהען, ווייל ער איז שוין צופיעל ארומגערינגעלט געווען, אבער ער האט זיך נאך געהאלטען מיט אלע קרעפטען.

האבען זיי געהייסען געהן.

מיט דער ענגלישער ארמיי אין פלאנדערן, אקט., 17.

די דייטשען פיהרען יעצט דורך א טאפעלען צוריקטריט פון אסטענד צו דרום ביז אין פראנקרייך.

פיער א זייגער היינט פארטאג האבען די דייטשע קאמאנדירען פארארדענט אלע איינוואוינער פון ליל זיך צו פארזאמלען אין די גאסען, ווען די איינוואוינער האבען עס געטון, האבען זיי געזעהען ווי דער דייטשער גארניזאן פארלאזט די שטאדט און מען האט געהייסען די איינוואוינער זיי זאלען געהן צו דער ענגלישער ליניע באגעגענען זייערע פריינט

שפעטער זענען ענגלישע לופט פליהער געפלויגען איבער ליל און האבען דערזעהען א מאדנע סצענע, מענשען זענען געשטאנען אין די גאסען און האבען געגעבען צייכענס צו די לופט פליהער מיט ווייסע טאשען טיכלאך, קיין סאלדאטען זענען אין שטאדט ניט געווען.

די לופט פליהער האבען זיך גלייך צוריקגעקעהרט צו דער ענגלישער ליניע און די פאטראלען זענען באלד ארײן אין שטאדט.

ווי עס ווייזט אויס האבען די דייטשען זייער צוריקטריט גוט ארגאניזירט, ווייל זיי ציהען זיך צוריק מיט א גוט ארגאניזירטער סיסטעם, אבער ווי לאנג דאס וועט אנהאלטען איז ניט באקאנט, ווייל די עלליים אוואנסירען זעהר שנעל.

די שטאדט ליל.

דאס פאלען פון ליל נעהמט אוועק פון די דייטשען זייער לעצטע פעסטונג, וועלכע האט צוזאמען מיט אנדערע צוזאמענגעשטעלט זייער פעסטע ליניע אין פראנקרייך, וועלכע האט זיך געצויגען פון צפון ים ביז שווייצאריען, קאמבראי, לאאן סאן קווענטין, וועלכע זענען געווען אין דער זעלבער קייט פון פעסטונגען האבען די דייטשען אוועקגעגעבען אין די לעצטע עטליכע וואכען און יעצט האבען זיי אפגעגעבען די לעצטע פעסטונג.

דאס איז געווען די גרעסטע שטאדט אין צפון פראנקרייך וועלכע די דייטשען האבען געהאלטען, חוץ דעם וואס די שטאדט איז אן אלט היסטארישע, איז זי אויך אן אינדוסטריעלע, איהר באפעלקערונג איז געווען 200,000 און האט גרויסע וועבערייען און אנדערע פאבריקען. די שטאדט איז אויסגעבויט געווארען אין 14־טען יאהרהונדערט און איז רייך אין היסטארישע רייכטימער.

א נייע אפענסיווע.

לאנדאן, אקט., 17.

מארשאל העיגס ארמיי האט היינט אנגעפאנגען א נייע אפענסיווע אויף א צעהן מייל פראנט צווישען באהין און לעקאטאו אויפ'ן סעלע טייך דרום מזרח פון קאמבראי.

די ענגלענדער אוואנסירען דארטען גאנץ גוט.

צפון פון דער האבען די דייטשען געמאכט שטארקע קאנטער אטאקעס און האבען אין דעם ראיאן דרום פון וואלענסיען צוריקגעשטויסען די ענגלענדער צום מערב ברעג פון דארף. דורך דער צייט פון דער נאכט האבען אבער די ענגלענדער געוואונען גרונט דרום מערב פון ליל און האבען פארנומען פיעלע געפאנגענע.

פון פאריז ווערט באריכטעט, אז די ענגלענדער האבען פארנומען קארטראי, און די בעלגיער האבען באפרייט נאך צוואנציג דערפער.

דייטשע רויבער פאר א קריעגס געריכט

פאריז, אקט., 17.

פינף דייטשע אפיצערען זענען ארעסטירט געווארען אין ראלער און די פראנצויזען וועלען די דאזיגע אפיצערען שטעלען פאר א קריעגס געריכט.

דייטשע סאלדאטען זענען געכאפט געווארען ראבירענדיג די שטאדט ווען די פראנצויזען זענען אהין ארײן און נאך אן אונטערזוכונג האבען די סאלדאטען ערקלעהרט, אז זיי האבען עס געטון אויפ'ן באפעהל פון די אפיצערען אויף וועלכע זיי האבען אנגעוויזען.

בעלגישער פלאג איבער אנטווערפען

וואשינגטאן, אקט., 17.

גרויס אויפרעגונג האט געהערשט אין אנטווערפען ווען עס איז ערהאלטען געווארען פרעזידענט ווילסאנס ענטפער צו דער דייטשער נאטע, מעלדען טעלעגראמען פון אמסטערדאם. די בעלגיער האבען ארויפגעצויגען דעם נאציאנאלען פלאג אויף דער שטאדטישער געביידע, וואו ער האט געפלאטערט א שטונדע. אין פיעלע בעלגישע שטעדט איז דאס זעלבע געטון געווארען.

וויל ניט האבען אזא סוף

אמסטערדאם, אקט., 17.

די מלחמה קומט צו א סוף און אויף אזא אופן אויף וועלכען קיינער אין דייטשלאנד האט ניט געוואלט, שרייבט דער בערלינער ,,פארווערטס''.

לאמיר זאגען אפען, שרייבט ווייטער די צייטונג, אז די אלע יסורים, וועלכע מיר האבען אריבערגעטראגען דורך דער צייט פון די פיער יאהר מלחמה, איז געווען צו פארמיידען אזא סוף.

א רעוואלוציאן געגען די יונג טערקען

זשענעווא אקט., 17.

אין קאנסטאנטינאפאל האט אויסגעבראכען א רעוואלוציאן געגען דער הערשאפט פון די יונגע טערקען, מעלדעט א באריכט וועלכער איז היינט ערהאלטען געווארען. די דייטשען, ווערט באריכטעט, האבען שנעל ארויסגעשיקט צוואנציג קריעגס שיפען פון שווארצען ים צו העלפען די טערקען איבערהויפט פארטיידיגען ענוור פאשא.

פון אמסטערדאם ווערט באריכטעט, אז די דייטשע צייטונגען האבען שוין אנגעפאנגען פארצוברייטען דעם עולם צו דער נייעס, אז טערקיי וועט שליסען א באזונדערען פריעדען.

די פראנקפורטער צייטונג דרוקט א באריכט, אין וועלכען זי גיט צו, אז די לאגע אין קאנסטאנטינאפאל איז א זעהר קריטישע.

אונגארן אן אונאפהענגיגע שטאאט

אזוי איז פראקלאמירט געווארען פון אונגארישען פארלאמענט.

לאנדאן, אקט., 17.

דער אונגארישער פארלאמענט האט ארויסגעלאזען א פראקלאמאציע אין וועלכער עס ווערט ערקלעהרט, אז אונגארן איז געווארען אן אונאפהענגיגער שטאאט מיט בלויז א ,,פערזענליכער פאראייניגונג'' מיט עסטרייך, אזוי מעלדען טעלעגראמען פון דער צענטראלער נייעס אגענטור פון קאפענהאגען וועלכע זענען ערהאלטען געווארען פון בערלין.

א ,,פערזענליכע פאראייניגונג'' מיינט געוויס אז קארל פארבלייבט דער קעניג פון אונגארן.

קריזיס אין עסטרייך.

וואשינגטאן, אקט., 17.

לויט אינפארמאציעס וועלכע דער סטייט דעפארטמענט האט ערהאלטען, וועט דער עסטרייכישער קעניג איינפיהרען א נייע סארט רעגירונג און געבען דאס פאלק די פולע אויבערהערשאפט אין לאנד. דאס איז צוליעב דעם פאליטישען קריזיס, וועלכער הערשט אין לאנד.

ניקאלאי פארמשפט צום טויט

פאריז, אקט., 17.

א דראטלאזע טעלעגראמע אין ענגליש דאטירט אקטאבער דעם 15־טען פון צארסקאיע סעלא, זאגט, אז די פאלגענדע טעלעגראמע איז ערהאלטען געווארען פון יעקאטערינבורג.

לויט אן אפיציעלער דעקלאראציע פון סאוועט איז ניקאלאי ראמאנאוו געמשפט געווארען און איז פארמשפט צום טויט, ער וועט הינגעריכטעט ווערען אין דער נאכט פונ'ם 16־טען

ווי עס ווייזט אויס מיינט מען עס דעם גרויס פירשט ניקאלאי ניקאלאיעוויטש'ן.

דר. פאלאק בעסערט זיך

אין שטאדט האבען זיך נעכטען פארשפרייט קלאנגען, אז דער צושטאנד פון דר. פאלאק איז א געפערליך קריטישער. די רעדאקציע פון ,,אידישען זשורנאל'' איז פארווארפען געווארען מיט אנפראגען.

מען פארזיכערט אונז פון זיין הויז, אז דער דאקטאר וועלכער איז יעצט קראנק בעסערט זיך, און האפענטליך וועט ער אין גיכען געזונט ווערען און וועט לאנג לעבען.

היפאקריטישע מעטאדע פון דער אונגארישער רעגירונג

(ספעציעל צום ,,אידישען זשורנאל''.)

ניו יארק, אקט., 17.

ידיעות וואס זענען דא ערהאלטען געווארען, מעלדען דאס די אונגארישע רעגירונג זוכט מיט פארשידענע מיטלען צו פארשטעלען אירע אנטיסעמיטישע מעשים און ארויפווארפען די שולד פון די אידען ־ פארפאלגונגען אויף אנדערע מענשען. דער שפייז מיניסטער האט לעצטענס געהאלטען א רעדע אין פארלאמענט, פראטעסטירענדיג געגען דער אנטיסעמיטישער פראפאגאנדא וואס ווערט אנגעפירט און האט באהויפטעט דאס דער גאנצער שולדיגער אין דעם איז דער פראטעסטאנטישער בישאף פראשאקאף.

דער מיניסטער האט אויך ביי דער געלעגענהייט געלויבט די אידישע העלדענטאטען אויפ'ן שלאכטפעלד און האט געפאדערט פון די פראטעסטאנטען אויפצוהערען דאס פרעדיגען פון א בויקאט אויף אידען.

אידישער עקס ־ מיניסטער רופט אים היפאקריט.

אין מיטען פון דער רעדע האט זיך אויפגעהויבען דער אידישער עקס ־ מיניסטער וואשאני, און ערקלעהרט דאס דער שפייז ־ מיניסטער איז א היפאקריט און א ליגנער, נוארום עס איז שוין פיעל מאל באוויזען געווארען דאס די רעגירונג אליין אונטערשטיצט די אנטיסעמיטישע העצרייען אויף אידען.

באלשעוויסטישע רעגירונג פארכאפט קהלה פנקס'ן

(ספעציעל צום ,,אידישען זשורנאל''.)

ניו יארק, אקט., 17.

טעלעגראמען וואס זענען דא ערהאלטען געווארען מעלדען, דאס די באלשעוויסטישע רעגירונג פון רוסלאנד קאנפיסקירט אלע פנקס'ן פון די אידישע קהלות, און טראצדעם וואס די אידען פראטעסטירען געגען דעם, העלפט אבער קיינע טענות ניט.

אויף די אלע פראטעסטען האט די רעגירונג געענטפערט, דאס זי דארף האבען די אידישע פנקס'ן כדי צו ווייסען די מעטאדען ווי אזוי צו פארשפרייטען באלשעוויסטישע אידעאלען צווישען דער אידישער באפעלקערונג פון רוסלאנד.

בעל טעלעפאן קאמפאניע ליינט פאר א העכערונג פון צוואנציג פראצענט

אטאווא, אקט., 17.

די דאמיניאן ריילוויי באארד האט היינט ערהאלטען אן אפליקיישאן פון דער בעל טעלעפאן קאמפאניע מיט דער בקשה צו קריגען די ערלויבניש צו העכערען דעם פרייז פון טעלעפאנען.

די קאמפאניע שלאגט פאר דאס דער געהעכערטער פרייז זאל זיין צוואנציג פראצענט אויף אלע איצטיגע פרייזען. וואס אנבעלאנגט ,,לאנג דיסטענס קאלס'' זאל זיין דער פרייז א מינימום פרייז פון צעהן סענט פאר די ערשטע אכט מייל און פינף סענט פאר יעדע אכט ווייטערדיגע מייל.

פאר בייטען דעם נאמען זאל גערעכענט ווערען צוויי דאלאר.

אלס אורזאכע פאר זייער העכערונג גיט די קאמפאניע אן דאס וואס עס קאסט איצט זעהר טייער ארבייטס ־ לוין און מאטעריאלען.

נאך א האספיטאל געעפענט צו העלפען די קראנקע פון דער אינפלוענציע

מעדיצינישער קאלעדזש געשלאסען, סטודענטען וועלען העלפען דאקטוירים. — טהעאטערע וועלען אויך זיין געשלאסען. — לאגע ניט געענדערט. — עסענוואארג מוז געהאלטען ווערען צוגעדעקט

וואס אנבעלאנגט דער עפידעמיע לאגע איז נאך דערווייל קיין ענדערונג אין דער לאגע ניטא. אין פארלויף פונ'ם נעכטיגען טאג זענען פארציכענט געווארען 41 טויטע פון דער ,,פליו'' און 16 פון לונגען ־ אנצינדונג. די צאל קראנקע האט זיך באדייטענד פארגרעסערט, אבער דערפאר איז די פראפארציע פון טויטענפעלען פארקלענערט געווארען. גאר א גרויסע צאל קראנקע ווערען געזונט נאך די ערשטע פאר טעג אויב עס ווערט אויף זיי ריכטיג אויפגעפאסט.

ווייטערדיגע פארהיטונג'ס מיטלען.

וואס אנבעלאנגט די ווייטערדיגע פארהיטונג'ס מיטלען, האט די באארד אוו העלטה ערשט נעכטען אנגעהויבען איינצוזעהען דאס די לאגע איז ערנסט און האט אנגעהויבען אנצונעהמען גאנץ אויכטיגע מיטלען דערצו.

דער ערשטער מיטעל איז געווען צו עפענען נאך א האספיטאל ספעציעל פאר קראנקע פון דער אינפלוענציא. דאס נייע האספיטאל איז דער ארלינגטאן האטעל אין קינג סטריט. עס זענען באשטימט געווארען אייניגע דאקטוירים צו האבען די אויפזיכט איבער די קראנקע. עס איז אויך באשלאסען געווארען צו זוכען א פאסיגע געביידע אין דעם צפון טייל פון שטאט פאר די קראנקע פון יענע געגענדען.

מעדיצינישער קאלעדזש געשלאסען.

סער ראבערט פאלקאנער, פרעזידענט פון דער טאראנטא אוניווערזיטעט האט נעכטען אנאנסירט, דאס דער מעדיצינישער קאלעדזש וועט זיין געשלאסען ביז א ווייטערדיגען נאטיס, און פון אלע מעדיצינישע סטודענטען ווערט פארלאנגט צו קומען העלפען באקעמפען די עפידעמיע.

א חוץ דעם מעדיצינישען קאלעדזש זענען אויך געשלאסען געווארען אנדערע ברענטשעס פון דער טאראנטא אוניווערזיטעט, כדי צו פארהיטען דאס פארשפרייטען פון דער קראנקהייט.

ביבליאטעקען וועלען ניט ארויסגעבען קיין ביכער.

דר. הייסטינגס האט אויך געגעבען אינסטרוקציעס צו די ביבליאטעקעס אין שטאט ניט ארויסצוגעבען קיין ביכער צום לעזען. די לעזע צימערען אין די ביבליאטעקען זענען דערווייל נאך ניט געשלאסען.

טהעאטערע געשלאסען.

דער נעכטיגער מיטינג פון דער באארד אוו העלטה האט אויך ארויסגעגעבען א באפעהל אז פון מאנטאג אן וועלען זיין געשלאסען אלע טהעאטערע, מאווינג פיקטשורס ,,פול רומס'' א. ז. וו. א פארטרעטער פון די טהעאטערע האט באהויפטעט דאס די טהעאטער אייגענטימער וועלען גאר ניט האבען אויסצוזעצען געגען דעם באפעהל.

עסענוואהרג טאר ניט ליגען אפענערהייט.

די באארד אוו העלטה האט אויך אנגענומען א געזעץ שטרענג צו באשטראפען אזעלכע פלעצער וואס פארקויפען עסענוואארג און וואס האלטען דאס ניט ריכטיג צוגעדעקט.

עס איז באשלאסען געווארען דאס קלויירקס וועלען באשטראפט ווערען פאר באנעצען די פינגער ביים ארונטערנעהמען א שטיקעל פאפיר

ווארענט נאכאמאל געגען פאלשע רפואות.

דר. הייסטינגס האט נאכאמאל ארויסגעלאזען א ווארנונג צו דער באפעלקערונג ניט צו לאזען זיך נארען פון שווינדלער וואס פארקויפען ,,רפואות''. ביי דער איצטיגער צייט, האט ער דער דאקטאר געזאגט. ווען מענשען זענען אזוי צושראקען און נערוועז קומען געוויסענלאזע מענשען און נוצען דאס אויס פאר זייערע קעשענע אינטערעסען.

דער דאקטאר האט אבער ספעציעל אנגעדייטעט געגען עטליכע שעדליכע מיטלען וואס ווערען איצט פארקויפט אויך אונטערען אויסרייד פון א רפואה. די מיטלען זענען אזעלכע שטאפען, וואס ווערען געמאכט פון קוילען און האבען א גרוך אזוי ווי סמאלע אדער הוזשענאכץ. אזא גרוך פארדריקט דאס הארץ און איז זעהר שעדליך. איבערהויפט טארען מענשען ניט געברויכען קיין זאך אהן דער הסכמה פון א דאקטאר.

אידישע קרבנות.

צווישען די קרבנות פון דער אינפלוענציא געפינען זיך פאלגענדע אידישע נעמען: שרה בראנשטיין פון 21 נאסא סטריט, אברהם רובין פון 9 מענינג עוו.

פרוי ווערט משוגע פאר שרעק פאר דער אינפלוענציא.

מרס. עלען ניעלסאן פון 30 דושירנעפער עוו. איז משוגע געווארען פאר שרעק פון דער אינפלוענציא, האט דערטרונקען אירע צוויי קינדערלאך און דערנאך אליין באגאנגען זעלבסטמארד.

מר. נעלסאן איז קראנק אויף לונגען אנצינדונג, און די פרוי האט אים באדארפט באדיענען. ווען קיינער איז אין הויז ניט געווען, האט זי, אין אנפאל פון משוגעת, אנגעגאסען א פאס מיט וואסער, און אריינגעבויגען די קעפלאך פון אירע צוויי קינדערלאך, איינס א יאר און דאס אנדערע צוויי מיט א האלבען יאר אלט און זיי דערטרונקען. ווען זי איז פארטיג געווארען מיט זיי, האט זי אויפ'ן זעלבען אופן געענדיגט איהר אייגענעם לעבען.

ווען די פאליציי האט זיך דערוואוסט פון דער טראגעדיע, איז מר. ניעלסאן צוגענומען געווארען אין האספיטאל.

עס ווערט איצט שטארק אגיטירט, דאס די באפעלקערונג זאל אנפאנגען טראגען אזעלכע מאסקעס אויפ'ן פנים, כדי צו פארהיטען די באצילען אריינצוקומען אין מויל אריין. אין מאנכע שטעט פון אמעריקא ווערט מען באשטראפט פאר ארויסגעהען אין גאס אהן א מאסקע אויפ'ן פנים וואס פארדעקט דאס מויל, די נאז און די אויערן.

פאלקס פעראיין לעגט אפ די פארזאמלונג

דער פאלקס פעראיין, וועלכער האט געוואלט קומענדען זונטאג האלטען א מאסען פארזאמלונג און וואהלען פאר בעאמטע, האט די פארזאמלונג אפגעלייגט צוליעב דער עפידעמיע, וועלכע בושעוועט אין שטאדט.

דער פאלקס פעראיין וועט אנאנסירען ווען די פארזאמלונג וועט זיין

ווארטען אויף א בעשלוס פון די פאראייניגטע שטאאטען

דעם 27 ד. מ. דארפען די זייגערס איבערגערוקט ווערען, אבער עס איז ניט זיכער.

אטאווא, אקט., 17.

לויט א באשלוס אין צוזאמענהאנג מיט ,,דעי לייט סייווינג'' געזעץ, וועלכעס האט באפוילען איבערצורוקען די זייגערס מיט א שטונדע שפעטער, דארף די באפעלקערונג פון קענעדע צוריק קריגען די דאזיגע שטונדע דעם 27־טען פון דיעזען חודש. די רעגירונג ערווארטעט מיט אונגעדולד דעם רעזולטאט וועגען דער זעלבער פראגע אין די פאראייניגטע שטאאטען, ווארום קענעדע און די שטאאטען מוזען אין דיעזער הינזיכט האבען אן איינהייטליכען באשלוס צוליעב פיעלע טעמים. אין די פאראייניגטע שטאאטען איז אויך באשטימט געווארען אז היינטיגען חודש זאלען די זייגערס צוריקגערוקט ווערען, אבער עס ווערט באהויפטעט, אז לויט דעם ווי די זייגערס געהען איצט ווערט דערביי פארשפארט קוילען און באלייכטונג, און דערפאר ליגט איצט פאר'ן סענאט א ביל אז די איצטיגע צייט זאל אויך בלייבען אויף ווייטער.

פון רעגירונג'ס קרייזען ווערט באהויפטעט אז דער ביל וועט ניט אנגענומען ווערען, אין פאל אבער אז יא, דאן וועט די קענעדער רעגירונג גלייך אנגענומען אן ארדער ־ אין ־ קאונסיל אז די איצטיגע סיסטעמע זאל פארבלייבען אויף א גאנצען יאהר.

פארלאמענט בילדינגס, אטאווא
טענדערס פארלאנגט פאר „שטאל סעש״ טירען און פארטישאנס א. ז. וו.

פארזיגעלטע טענדערס וועלען ערהאלטען ווערען פונ׳ם אונטערגעצייכענטען ביז נאכמיטאג דעם 22-טען אקטאבער 1918 פאר די שטאל סעש טירען און פארטישאנס א. א. וו. וועלכע זענען נויטיג פאר דער קאנסטרוקציאן פונ׳ם צענטראלען באהייצונגס פלענט גון דער אויבענדערמאהנטער געביידע.

אלע טענדערס זאלען זיין באזירט אויף דורכפיהרונג, אויפבייען און פארענדיגען, צוזאמען מיט צושטעלען מאטעריאלען, טוילס נויטיגע זאכען, ארבייט א. א. וו. ווי עס פאדערען די פלענער און ספעסיפיקאציעס פאר „שטאל סעש״ טירען און פארטישאנס א. א״ו. פאר׳ן צענטראלען באהייצונגס פלענט.

די ארבייט לויט׳ן קאנטראקט מוז גלייך אנגעפאנגען ווערען נאכדעם ווי ער ווערט אונטערגעשריעבען און זאל פארגעזעצט און אנגעפיהרט ווערען אזוי עס זאל זיין געענדיגט ארום דעם 1טען יאנואר 1918.

פלענער און ספעסיפיקיישאנס און אלע אנדערע נויטיגע אינפארמאציעס קען מען בעקומען אין אפיס פון די הויפט קאנטראקטארען פ. לייאל און זיהן, קאנסטראקשאן קאמפ. לימיטעד, אטאווא.

צוזאמען מיט יעדען טענדער דארף געשיקט ווערען א טשעק פון א געטשארטערטער באנק, אויסגעמאכט אויפ׳ן נאמען פונ׳ם מיניסטער פון פאבליק ווארקס אויף דער סומע פון ניט ווענינער פון פינף פראצענט פון דער סומע וואס דער טענדער טרעפט אן. דאס געלט וועט פארפאלען ווערען אין פאל דער וואס שיקט אריין א טענדער ענטזאגט זיך אויסצומאכען א קאנטראקט ווען מען פערלאנגט פון איהם. אויב דער טענדער ווערט אנגענומען מוז צוגעגעבען ווערען נאך א טשעק אויף פינף פראצענט פון דער סומע וואס דער טענדער באטרעפט, איידער דער קאנטראקט ווערט אונטערגעשריעבען. די גאנצע סומע וועט אבער געהען פארפאלען אויב דער קאנטראקטאר וועט פארפעהלען אויסצופיהרען די ארבייט וואס ער האט זיך אונטערגענומען.

סערטיפיקאטען אויף צאהלונגען דארפען געמאכט ווערען מאנאטליך בשעת די ארבייט ווערט פארגעזעצט, און דארף ניט אריבערשטייגען די סומע פון ניינציג פראצענט פון דער סומע וואס די ארבייט און דאס מאטעריאל טרעפט אן וועלכעס איז נויטיג פאר דער ארבייט.

דער ביליגסטער אדער אירגענד וועלכער אנדערער טענדער מוז ניט אנגענומען ווערען.

קאנווערטען וועלכע ענטהאלטען טענדערס דארפען זיין באצייכענט: און דארפען זיין אדרעסירט צו אונטערצייכענטען,

דזשאהן א. פירסאן, ארכיטעקט.
דזשיי. א. מארקאנד, געהילפס.
סענטער בלאק, פארלאמענט היל, אטאווא.

פארלאמענט בילדינגס, אטאווא.
פארלאנגט טענדערס פאר „וויער און קייבעל״

פארזיגעלטע טענדערס וועלען ערהאלטען ווערען פונ׳ם אונטערגעצייכענטען ביז נאכמיטאג דער 22טער אקטאבער, 1918 פאר די „וויער און קייבעל״, וועלכע איז נויטיג פאר איבערבויאונג פון די אויבענערמאהנטע געביידע.

אלע טענדערס דארפען זיין באזירט אויף צושטעלען און דריינגען „וויער און קייבעל״ אריינגערעכנט די צאהל ווי פארגעשריעבען פון די פלענער און ספעסיפיקאציעס.

די ארבייט פונ׳ם דאזיגען קאנטראקט זאל גלייך אנגעפאנגען ווערען ווי דער קאנטראקט ווערט אונטערגעשריעבען און זאל פארגעזעצט ווערען ווי דיקטירט, אזוי עס זאל פארטיג ווערען ארום דעם 1-טען דעצעמבער, 1918.

פלענער און ספעסיפיקיישאנס און אלע אנדערע נויטיגע אינפארמאציעס קען מען בעקומען אין אפיס פון הויפט קאנטראקטארען פ. לייאל און זיהן, קאנסטראקשאן קאמפ. לימיטעד, אטאווא.

צוזאמען מיט יעדען טענדער דארף געשיקט ווערען א טשעק פון א געטשארטערטער באנק, אויסגעמאכט אויפ׳ן נאמען פונ׳ם מיניסטער פון פאבליק ווארקס אויף דער סומע פון ניט ווענינער פון פינף פראצענט פון דער סומע וואס דער טענדער טרעפט אן. דאס געלט וועט פארפאלען ווערען אין פאל דער וואס שיקט אריין א טענדער ענטזאגט זיך אויסצומאכען א קאנטראקט ווען מען פערלאנגט פון איהם. אויב דער טענדער ווערט אנגענומען מוז צוגעגעבען ווערען נאך א טשעק אויף פינף פראצענט פון דער סומע וואס דער טענדער באטרעפט, איידער דער קאנטראקט ווערט אונטערגעשריבען. די גאנצע סומע וועט אבער געהען פארפאלען אויב דער קאנטראקטאר וועט פארפעהלען אויסצופיהרען די ארבייט וואס ער האט זיך אונטערגענומען.

צאהלונגען פאר מאטעריאלען וועלען געמאכט ווערען מאנאטליך.

סעמפעלס מוזען צוגעשטעלט ווערען מיט׳ן טענדער.

דער ביליגסטער אדער אירגענד וועלכער אנדערער טענדער מוז ניט אנגענומען ווערען.

קאנווערטען וועלכע ענטהאלטען טענדערס דארפען זיין באצייכענט: און דארפען זיין אדרעסירט צום אונטערצייכענטען,

דזשאהן א. פירסאן, ארכיטעקט.
דזשיי. א. מארקאנד, געהילפס.
סענטער בלאק, פארלאמענט היל, אטאווא.

פאר די מלחמה קרבנות.

ערהאלטען א דאלאר פאר די מלחמה קרבנות פון מרס. פינצער פון 227 גרייס סטריט.

3140).

ליידעט איהר אויף דעם מאגען? זייט איהר זיך זעלבסט שולדיג א חוב
העפי האם
HAPPY HOME
קענדי אבפיר מיטעל
קורירט די פערלאזענסטע מאגען קראנקהייטען. איהר וועט פיהלען בעסער אין א גאנץ קורצער צייט. אין 10 און 25 ס. באקסעס אין אלע דראג סטארס, אדער שרייבט צו:
Happy Home Co. 324 Dundas St. W.
Toronto

אינטריגעס פון דייטשען קייזערליכען הויף

א שפאנענדער ראמאן, וואו עס ווערען אויפגעדעקט די דייטשיש־פרייסישער גרויזאמקייטען און די מיליטאריסטישע שטרעבונגען פון די יונקערס, וועלכע האבען פאראורזאכט די יעצטיגע בלוט־באד.

פון עקס

(37-טע פארזעצונג)

— דאס איז א ביטערע און טרויעריגע פילאזאפיע! — האט ווינניג זיך אפגערופען — דאס זעהט איהר גיב איך ניט צו, ליעבער פריינד, פארקערט, די וועלט געהט אימער פארווערטס, אבער ניט ריקווערטס! און דאס זעהט איהר שוין פון שילער׳ס „רויבער״ וואלט פאר פופציג יאהר זיך איינער אונטערשטאנען צו ריידען באטש נור א העלפט פון דעם וואס קארל מאור מיט זיינע חברים ריידען יעצט אויף דער ביהנע, וואלט ער שוין די זון־שיין ניט בעקומען צו זעהן. די פילאזאפיען פון פרעמדע לענדער האבען זיך ביי אונז פערברייטעט, און בערלין איז שוין ניט ערגער פון פאריז. מיר האבען שוין אן אייגענעם דייטשען טעאטער, און זעהט ווי מען לויפט אהין! — לויטע גייסטער שטעהען אויף, וועלכע דערוואכען אונזערע הערצער און דערהויבען אונזערע נשמות לאזען די מיסטיקער, די בעלי־קבלה אנמאכען שמוץ ווי פיעל, זיי ווילען, די אויפגעקלערטע מאכען עס אפטמאל ניט בעסער — אבער פון ביידע פארטייען בלייבט נור איבער דאס אמת׳ע דאס ערדעלע, און דאס שעהנע, די צייט פון פערגנוגען און פון אויפקלערונג, ליעבער פריינד, קען מעהר קיינער ניט פערטרייבען אדער אוועק רוקען.

— אזא שטארקען גלויבען האב איך ניט — האט קוואסט געזאגט — אבער וואס לוינט עס פאר אונז זיך צו שטרייטען איבער אזעלכע זאכען? דערפאר האבען מיר דאך אין דער וועלט פראפעסארען, געלערנטע און פראפעטען, וועלכע האבען שטארקע לונגען און נאך בעסער צונגען, זאלען זיי זיך רייסען איבער דעם.

— איבריגענס — האט האללצענדארף געזאגט — וואס דארפען מיר צו זוכען אין דער צוקונפט, פאסירען דען ניט אין אונזערע טעג גענוג משוגענע און וואונדערליכע זאכען? איך דערמאהן זיך נור אן בארן, און אן אולריקע, וועלכע איז צו איהם אנטלאפען, און קיינער ווייסט נאך היינט ניט וואו זיי זיינען געבליעבען.

— איהר קארעטי, ווייסט וואו זיי זיינען — האט ווינניג געזאגט — אבער ווי עס שיינט, האט איהר געשוואוירען צו שווייגען. אדער האט איהר ווירקליך פון זיי ניט מעהר געהערט, זייט בארן איז ארויס פון דיענסט?

— הער אבערסט — האט קארעטי געענטפערט — מיט דער פראגע באריהרט איהר א וואונד אין מיין הארצען, נאך טיעפער ווי איהר דענקט, און איהר ערוועקט אין מיר א געפיהל פון חרטה, פאר וואס איך האב געשטעקט מיין האנד אין א זאך — וואס וואלט בעסער געווען, ווען דאס וואלט ניט געשעהען! איך ווייס, אז איהר האט זיך א צייט לאנג באמיהט צו געפינען א שפור פון מיינע פריינד, פון זייער לעבענס ארט. און...

— און איהר האט מיר אלץ אויסגעוויכט! אבער בערוהיגט זיך, פריינד, דער טראנספאלגער, האט דערנאך מעהר נישט דערמאנט פון זיי; און נאללענדארף האט פון אנפאנג אן פון זיי קיין ווארט נישט געהערט.

— איך האב זיי געוואלט בעשיצען פון פערפאלגונג, דאריבער האב איך געשוויגען, אז דער קעניג האט מיך בעשטראפט מיט פעסטונג, נור ווייל איך בין געווען א מיט־ווייסער, קען איך זיך דענקען, מיט וואס ער וואלט בעשטראפט בארן׳ען ווען ער וואלט איהם ענטדעקט. איבערגענס, האב איך אין דער ערשטער צייט, אליין אויך ניט געוואוסט, וואו זיי האלטען זיך אויף; מיין ארעסט, מיין איבערטריט אין זשאנדארען קארפוס, און מיינע אייגענע אנגעלעגענהייטען, האבען מיך געשטערט זיי אויפצוזוכען, יעצט אבער, הער אבערסט, ווען מיר דארפען זיך ניט שרעקען פאר פערפאלגונגען און וואו מיר זיינען אויסערדעם, מחותנים געווארען, קען איך אייך מודה זיין אז נאך א פאאר יאהר, האב איך בארן מיט אולריקען געזעהן, זיי האבען אפילו געלעבט אמגעזונדערט פון דער וועלט, און אין גאנץ פערגנערטע אומשטענדען אבער זיי האבען זיך געפיהלט גליקליך און פריי. זיי האבען געהאט צוויי יונגען, זייער טרייסט און שטאלץ. און איך האב פערבראכט דארט, מאנכע פרעהליכע שטונדען.

— אלזא, שטאמען דאך פון דארט די בראטענס נאך רוסא׳ס מעטאדען וועלכע איהר פלעגט אונז ברענגען! — האט האלצענדארף געלאכט.

— עס קען זיין הער אבערסט. אבער לאמיר דערפון יעצט ניט ריידען. מיין פערבינדונג מיט די בארן׳ס האט נור געדויערט ביז צום באיערישען קריעג; אבער פון דאמאלס אן האט עס געמוזט אבגעבראכען ווערען. מיין פערוואונדונג, מיין לאנגע קראנקהייט, מיין הייראט, האבען איבערגעקעהרט אלעס, און מיר איז שווער געווארען מיט זיי זיך צוזאמען צו ריידען, רייטען אהין האב איך ניט געקענט איבער מיין שטייפען פוס, און פאהרען אין א וואגען האב איך ניט געטארט, ווייל דורך דעם האט לייכט געקענט ענטדעקט ווערען בארנ׳ס באהעלטעניש און דאס טאר נאך יעצט אויך ניט געשעהען.

— ווען אונזער פריינשאפט איז אבער אבגעפרישט געווארען אין 79-סטען יאהר. איז מיט זייער גליק שוין געווען אויס. אין זוהן זייער א פיערצעהן יעהריגער יונג, איז פון זיי אנטלאפען, און איז ארויס אין דער גרויסער און ווייטער וועלט! —

— גרויסער גאט וואס פאר אן אנשיקעניש! — האט ווינניג אויסגערופען — שיינט עס ניט, ווי דאס שיקזאל, האט דערמיט געוואלט בעצאהלען אולריקען פאר איהר אנטלויפען פון פאטער?

— דאס איז א פערגעלטונג, אבערסט זיי פיהלען עס ביידע, און דאריבער, איז פאר זיי, אונמעגליך צוריק צו קעהרען זיך אין דער וועלט, און דאס וועט זיי בלייבען אונמעגליך אויף אייביג!

— וואס איז מיט דעם אנדערען זוהן — האט האלצענדארף געפרעגט.

— פון איהם האבען זיי זיך אויך געמוזט שיידען כדי ער זאל ניט פערווילדעט ווערען ווי דער ברודער, און כדי אים אויסצובילדען, ער זאל ווען עס איז קענען אנהאלטען אן ארענטליכע שטעלע.

— קארעטי — האט ווינניג געזאגט מיט ווארימקייט — ווען איך וויל עפעס און טונקעלע געשיכטע — האט ראז טראנספאלגער, אדער ביי נאללענדארפ׳ן וויל איך עס טאן צו יעדער צייט! לאזט דעם מאיאר בארן וויסען דערפון.

— איך דאנק אייך פון גאנצען הארצען, הער אבערסט; איך האב שוין מיט בארן א מאהל גערעדט הארויבער, און דערפאר בין איך היינט אזוי אפען, ווייט זיכער דאס אייער הילף וועט א ווערען מיט פרייד צו יעדער צייט!

— דאס איז ווידער א טרויעריגע קענען טאן פאר דער פאמיליע, צו ביים יאלא אנגעהויבען נאך א ווילע — מיין שוועסטער האט מיר שוין א מאל דערצעהלט דערפון און מערקווירדיג איז עס ווי יעדע טאט באצאהלט זיך אויף דער וועלט! נאך ניט לאנג, האב איך אויך ערפאהרען פון אזא טרויעריגען ביישפיעל...

— אך, דו מיינסט די געשיכטע מיט אונזער מוהמע אין ראדאוו? — האט גראלא געפרעגט.

— מיט אונזער אלטער טאנטע, וועלכע האט געהייראט איהר יונגען פאסטאר? — האט מאריע פאן קארעטי געפרעגט מיט שרעק.

(פארזעצונג פאלגט)

אויב איהר וועט אמאהל דארפען קרעדיט

אין א באנק אדער אנדערשוואו וועט, דער פאקט דאס איהר האט אפגעשפארט א היבשע סומע אייך אלע מאל העלפען.

די מעלה צו קאנען כסדר שפארען באווייזט אזא מין כאראקטער וואס פארדינט קרעדיט.

באשליסט, איצט, לאזט אונז העלפען אייך שפארען, פראצענט ווערט געצאהלט יעדע זעקס חדשים.

אפגעצאהלט קאפיט.	$6.500.000
רעזערוו פאנד	$12.000.000
רעזארסעס	$130.000.000

די בענק אף נאווא סקאשיא
ברענטשעס
קווין און מיקאל סטריט,
ה. ל. עגמאן מענעדזשער
ספעדיינא און דאנדעס סט.
א. וו. הורלסמאן עקטינג מענעדזשער

דר. ד. א. סינגאל
דענטיסט
קארנער דאנדעס סטריט און ספעדיינא עוו. אפיס טעלעפאן קאלידזש 6073 הויז טעלעפאן קאלעדזש 6987

אויב איהר פארלירט אייערע כוחות, און איהר קענט ניט ארבייטען. קויפט א פלעשיל

DR MACEY'S
NERVE
FOOD

ווערט פארקויפט נאר ביי
Claude J. Halloran
דראגיסט
202 דאנדעס סטר. וועסט
טאראנטא

בלויז חזן זולאדאווסקי

איז אנשטענדיג, ריין און פארזיכטיג
אלם מוהל
און אלם מסדר קדושין
אלע עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אכבעטראכט ווייל דאס איז אין זייער אייגענעם בענעפיט. קאנטרי לייט קענען מיר אויך רופען אויף זייערע שמחות.
וואהנונג 62 בראנזוויק עוועניו. און טעלעפאן קאלעדזש 1076
פיר ארימע אומזאנסט.

פארגעניגען וואס עס קאסט אייך זעהר ווייניג
צו האבען א וויקטראלא מיט רעקארדס אין הויז, פערשאפט אייך פארגעניגען צו יעדער צייט. קומט אין
חזן קאפלאנס
שיפס קאנטאר
וואו איהר קענט באקומען די ריכטיגע וויקטראלאס מיט די בעסטע רעקארדס מיר פארזיכערען אייך צופרידענשטעלען.
חזן קאפלאן איז דער איינציגער אידישער דילער אין טאראנטא וואס עקן פארקויפען די ריכטיגע וויקטראלא מאשין מיט די בעסטע רעקארדס אין
297 קווין סט. טעל. אדל. 239
73 בראנזוויק עוועניו טעל. קאלעדזש 4149
חזן קאפלאן נעהמט אן מוהל׳שאפט און סידור קדושין ווי אימער מיט צופרידענהייט.

קעשים



דזשועלערי סטאר
145½ קווין סטריט וועסט
טעל. אדעלייד 3588.
וויכטיגע נייעס. ווערעס וויל סייפען געלד איז יעצט די צייט, זא ווי איהר ווייסט ווי אלעס שטייגט יעדען טאג און זא ווי איך האב פארבערייט א גרויסען סטאק פון בעפאר, קענט איהר נאך אלעם עס קויפען מיט די אלטע פרייזען. דארום קומט גלייך אום ניט צו פערשפעטיגען די בארגיין פרייזעס אין דיימאנדס גאלדענע וואטשעס, לייטעסט סטיילס לאוויל, דיימאנד אוירינגלאך אם ספעשיל. דיסקאונט פאר קעש געלד. אויך א גרויסע אויסוואהל אין סילווער־ווער מיט ספעציעלע פרייזען.

קענעדע פוד באארד לייסענס
נומער 1365

כשר
TERDIMAN'S

כשר וואורשט פעקטארי
איהר בעקומט ביי אונז אימער די געשמאקסטע, פרישסטע און בעסטע סאסעדזשעס, וואורשט, סאלאמי פאסטראמא, צונגען און אלע סמוק פליישען און פיש.
פערלאנגט איבעראל
טערדימאנ׳ס כשר סאסעדזש
מיט׳ן רויטען לייבעל
266 פארלאמענט סטריט
טעלעפאן מיין 909
ארדערס געליעפערט איבעראל

ריכטיגע מעדיצין פאר ביליגע פרייזען
קען מען קריגען ביי דעם רוסישען דראגיסט
ישראל ראטהבארט
קאר. דאנדעס און אגוסטא עוו.
טעלעפאן קאלעדזש 208,
נאכט בעלל.

מ. בראון
דזשענעראל אינשורינג אגענט
איך רעפרעזענטיר די
Ocean Insurence Co.
Assets $24,000,000
וועלכע גיט פאליסעס פיר פארניטשור פיר 3 יאהר און שטעלט אריין קיינע ספעציעלע פונקטען אין די אידישע פאליסעס
Ocean Office Cor. King & Yonge St. M. 4124
M. BROWN Agt.
147 Seaton St, Phone M. 2364

דר. מ. פיוניק
דענטיסט
שמערצלאזע עקסטראקשאן פון ציהן
קאר. קווין און ספעדיינע עוו. רום 2
טעלעפאן ארעלייד 4067

דר. בערנארד שאפער
דענטיסט
האט ערעפענט
א דענטיסט אפיס
אין 346 קאלעדזש סטריט
איבערן פליי האוז טעאטער.
טעלעפאן קאלעדזש 252

דר. פאומאן
דענטיסט
האט זיין
דענטיסט אפיס
אויפ׳ן קארנער מיקאל און דאנדעס סט. איבער דער דאמיניאן באנק.
טעלעפאן קאלעדזש 7732.

אברהם קאהען
באררישטער
נאטארי פאבליק
קאמישאנער פיר נעהמען
אפידייוויטס
Office Sun Life Building
60 Victoria Street
Main 2984
Residence, 7 Salem Ave. Junction 1545

חזן מאנאוויטש
מוהל מומחה ומסדר קדושין

נעהמט אן מוהלשאפט און סידור קדושין אין סיטי און אין קאנטרי צופרידענהייט גאראנטירט וואוינונג אדרעס 233 בעווערלי סט.. פאן קאל. 2033

פאטראנייזט די איינציגע אידישע וויגדא קלינינג קאמפאניע

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
N.Y. WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג. בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. 10 טעראלי סטריט. טעלעפאן ערעלייד 8087.
ווארט ניט לאנג.
טעלעפאנירט גלייך
NEW YORK WINDOW CLEANING COMPANY. = 10 TERAULEY ST

ארבייטער פערלאנגט

פערלאנגט א קאלעקטאר מוז האבען א בייסיקעל פרעגען יאלאמס 379 קווין סט. וועסט

3134—10—18)

פארלאנגט אגענטען.

אגענטען צו פארטרעטען א נייע סארט פרופס. ערשטע קלאס פיניש, פארטרעטען, ראמען צו די ביליגסטע פרייזען. קומט אדער שרייבט, יוניווערסאל ארט קא. 4 בראנזווינק עוו. טאראנטא אנט.

2788—10—20)

דארפט איהר א מעסענדזשער?

מיר נעהמען אלע סארטען מעסעדזשעס צו דעליווערען אין שטאדט, גאנץ מעסיגע פרייזען. טעלעפאנירט קאל. 6024 נאך 6 א זייגער, און שבת און זונטאג טעלעפאנירט קאל. 3921

3086 10 18

פערלאנגט א שניידער צו בייסטען מיליטערישע רעק. פרעגען סמיטה און קא. 77 פיטער סטריט.

3095—18)

פארלאנגט שניידער צו אלטערייטשאן און רעפיירינג די בעסטע ווייזשעס. ציזוואווירט 115 קינג סט. וועסט.

3106—10—22)

פארלאנגט 2 שניידער צו סעקאנד הענד קלאדינג, סטעדי ארבייט, מעלדען 209 קווין סט. וועסט אדער 261 קווין סט. איסט.

3104—10—18)

פערלאנגט אן עקספיריענסד פאר לידי צו ליידיס דרעסעס און סקוירטס. פרעגען בייקער סקוירט קא. 333 עדלייד סט. וועסט.

312310—18)

פארלאנגט
אפרייטערס
צו מיליטערישע ארבייט.
פרעגען
ע. דזש. העקבארן.
50 יארק סטריט.

2133—10—24)

פארלאנגט א שניידער פאר אלטע און נייע ארבייט. נאכפרעגען 846 יאנג סטריט.

3116—10—18)

פערלאנגט אפרייטערס צו פיקסען זעק. גוטע ווייזשעס גאראנטירט. נאכפרעגען טאראנטא בעג דילערס 31 דאנדעס סט. וועסט

3117—10—18)

פארלאנגט אפרייטערס און באטען סויערס צו קלאוקס. נאכפרעגען די פרינצעס מאנופעקטשורינג, דארלינג בילדונג. קארנער ספעדיינע און עדלייד, סט. 5-טען פלאר.

3108—10—18)

א גוטער פאזישאן אפען פאר אן אלערהאנד שניידער. ער דארף אויך קענען ניייען אויף דער מאשין. אויך פינישערס פארלאנגט. נאכפרעגען 235 קווין סט. וועסט

3137—10—20)

איין שוחט עופות פארלאנגט פאר דער קאנגרעגיישאן כנסת ישראל אנשי בעלוויל, זאל אויך קענען לערנען מיט עטליכע קינדער, פאמיליע מאן אדער סינגעל. דעם ריכטיגען מאן וועלען מיר געבען איין גוט לעבען צו מאכען. נאכפרעגען פרעזידענט ה. יאנאווער.
H. Yenover Front St. Belleville Ont.

3132—10—23)

גוטע געלעגענהייט פאר אן אינטעליגענטען מאן צו באקומען א גוטע שטעלע גוטע ווייזשעס באצאלט פרעגען מאנופעקטשורערס לייף קא. 10 עדלייד סט. איסט צווייטען פלאר פרעגען פאר מר. סמיטה

איטשעלע
דער סטאשעווער מלמד האט מיט א פארטנער געעפענט א חדר אין 1 פאסטער פליים קארנער עליזאבעט. מיט לערנען פון א״ב ביז חומש ר״שי, פסוק און שרייבען אידיש. מיר גאראנטירען פאר די בעסטע צופריעדענהייט.

האמילטאנער אידען
אויפמערקזאם
צוליעב מאנגעל אין פלאץ, און אום צו קענען בעסער און בעקוועמער אטענדען אונזערע קאסטימער סיי אין סטאר סיי אין אפיס, בין איך געצוואונגען צו פערגרעסערען
מיין סטאר און אויך דעם אפיס
דער אפיס געפינט זיך יעצט אין דער נעקסטער בילדונג אין פארק סטריט. אין דעם נייען אפיס געפינט זיך יעצט א גרויסער אויסוואהל פון אידישע ביכער. ראמאנען, דיקשאנערים מעטאדעס, הומאר, דראמאס, חומשים, סידורים תנכ׳ים, א. ה. ג. די אלע ביכער ווערען יעצט פערקויפט מיט 25 ביז 50 סענט ביליגער ווי עס קאסט האלסייל.
אחוץ דעם בין איך יעצט ווי אימער בעפאר אייך צו דיענסט, פיר מערידזש לייסענס, סיטיזען פייפערס, פאספארטען אויספילען, איינשווערען אירגענד וועלכען דאקומענט. און אויך דער איינציגער פערטרעטער פון אלע אידישע צייטונגען, פון האמילטאן ברענטפארד, סענט קעטהרינס, קיטשנער, וועלאנד, לאנדאן און אומגעגענד.
אייער,
James L. SHEKTER
York & Parke St.
Phone 5416 Hamilton

צו פערענטען

סימקא סטריט הויז

א 6 רומיגע הויז אין סימקא סט. סאליד בריק, אלע מאדערנע בעקוועמליכקייטען מוז גלייך פערקויפט ווערען. אויך זאכע צוליעב ביזנעס. זיך גלייך מעלדען פאר אויסקינפטע אין 224½ סימקא סט. טעלעפאן אדלייד 5645.

3119—10—20)

א הויז צו פארענטען אין וואלטען סטריט, לעבען יאנג. נאכפרעגען 66 אלעקסאנדער סטריט.

3131—10—20)

א 6 רומיגע הויז פראנט בריק, 34 טעקענד סטריט. פרעגענס ביי נארטע זאבינג 190 יארק סטריט.

3092—22)

א הויז צו פארענטען, 71 דעניסאן עוו. 9 רומס אין 2 פלעטס, ביליג. אויך קען מען באקומען קוילען. גלייך אריינציהען. פרעגען איטאן קויל קא. 352 קווין וועסט. טעלעפאן עדלייד 2696.

3099—10—18)

א הויז פון 9 רומס מיט אלע קאנוויניענס צו פארענטען. נאכפרעגען אין 361 מארגארעט סטריט. טעלעפאן דזשאנקשאן 2446.

3214—10—18)

ביזנעס קויפען און צו פערקויפען

שניידער

קויפט אייערע טרימינגס אין א פלאץ וואו איהר קענט שפארען געלט, מיר פערקויפען סחורה פאר סוטס און טרימינגס אויך ווען איהר האט צו פארקויפען טרימינגס לאזט אונז וויסען וועלען מיר קומען צו אייך און בעצאהלען דעם בעסטען פרייז, בוק און קא. 279 קווין סט. וועסט. טעלעפאנירט עדלייד 1493.

2655—11—8)

צו פארקויפען 2 לענגטאן פרעס מאשינען, 6 פינגער מאשינען, קאטינג טיש, 10 סטאק טישען, 12 טשערס, פייפער, שטריק און אזוי ווייטער, טאפ פלאר, 11 דאנדעס סט. וועסט 6—5 פרייטאג און מאנטאג. אויך דער פלעט צו פארענטען

3135—10—20)

קאפע, פריש געברענט, פריש גע־מאהלען, שמעקעדיג, גוט און ביליג. פיפעלס טי און קאפי סטאר, 284 קווין סט. וועסט. טעלעפאן אדלייד 5270.

3096)

צו פארקויבען צוואנציג טויזענד פונט זויערקרויט און דריי הונדערט גאלאן פלאם טאמייטאס, און אויך צוואנציג בארעל זויערע גרינע טאמייטאס. נאכפרעגען ב. נאטאנזאהן 3242 דאנדאס סטריט וועסט.

3076 10 20

צו פארקויפען ביליג א סטאק פון סעקאנד הענד קליידער. פרעגען 822 דאנדעס וועסט.

3078 10 18

„קארד וואוד״

געשניטען און צושפאלטען אין אלע סייזען. ביליגסטע פרייזען. שנעלע דעליווערי. די אנטעריא וואוד און גרעין קא. 430 קווין סטריט וועסט. יארד 230 ספעדיינא עוו. טעלעפאן אפיס, קאלעדזש 3033.

2742—10—19)

צו פארקויפען א גוטען וויקטראלא גראמאפאן פאר 65 דאלאר, ווערט 135 דאלאר. נאכפרעגען 81 מיקאל סטריט.

3103—18—10)

צו פארקויפען פוירניטשור פון 3 רומס מיט א גאז סטאוו און נייע אויילקלאט. אורזאכע פארלאזט טאראנטא. נאכפרעגען 86 באלדווין סטריט. אפסטערז.

3105—10—18)

צו פארקויפען א הויז פון 10 רומס מיט אלע קאנוויניענס 208 באטהורסט סטריט. נאכפרעגען ביי טעלעפאן בלויז, טעל. דזשעראלד 5797 און קריגען אלע אינפארמיישאנס.

3109—10—18)

צו פארקויפען אן איינגעטרייטע קליינינג און פרעסינג, אויך גוט פאר איין סעקאנד הענד סטאר. זעהר ביליג. נאכפרעגען 1134 קווין סט. וועסט.

311—10—19)

א סאליד בריק הויז, פראנט בריק צו פערקויפען גיב עס א בארגיין. 721 ריטשמאנד סט. וועסט.

3092—22)

צו פארקויפען איין 1918 פארד טוערינג קאר אין פוירסט קלעס קאנדישאן נאכפרעגען גרינבערג 190 יארק סט.

3124—10—20)

וויכטיג פאר תלמוד תורה.

צו פארקויפען 23 סקוהל בענטשעס כמעט נייע, און א גרויסע שווארצע סלייד באארד, האט געקאסט קנאפע הונדערט דאלאר, וועל נעהמען וועניגער פון פופציג מיט דעליווערען קיין טאראנטא. נאכפרעגען ביי שעכטער, האמילטאן אנט.

3118—10—20)

ביזנעס שאנסען

רייזערס צו פיקסען

רייזארס קלינגלאך געשארפט פון עקספערטען, 1 גילעט, 35 סענט א דאזען עווער רעדי 25 סענט, שיקט צו אלבערט קיען עירדוש קאמפאניע 180 באטהורסט סטריט טאראנטא, טעלעפאן ארעלייד 153.

פלאמבינג און היטינג ארבייט גאראנטירט. די רויעל קאמפאניע, אפיס 493 קווין סטריט וועסט. טעלעפאן ארעלייד 5277.

3034—12—11)

אייער אלט בעקאנטער פיינטער און פייפער־הענגער וועלכער וואוינט אין 60 נעסאו סטריט, מאכט יעצט די ארבייט אויף די ווינטער פרייזען. טעלעפאן קאלעדזש 2102.

2983—11—7)

דער אלט בעקאנטער פייפער הענגער און פיינטער ב. שאפירא מאכט יעצט די בעסטע ארבייט פאר ביליגע פרייזען 68 מיידזשאר סט. טעלעפאן קאלעדזש 2229

2848—10—26

פארניסעס און אויוונס ווערען פאררינקט און גערייניגט 63½ טשעסטנאט סט. טעלעפאן נארטה 5471.

2739—10—18)

דעכער פיקסען

מיר מאכען נייע גרוועל דעכער און מיר פיקסען אלטע. אויך פיקסען מיר פוירנעסעס אלטע. גאראנטירט, ביליג, פרייזען נאכפרעגען בלום און קא. 115 עליזאבעט סטריט טעלעפאן מיין 2571.

3060—11—11)

די קענעדער אידישע מאווינג פיקטשורס מאגנאטען

פון שמש

דער קענעדער אידישער ישוב איז ניט קיין גאנץ אלטער, אבער אין דער ענטוויקלונג פון קענעדע וועלכע איז א לאנד וואס האלט זיך נאך אין ענטוויקלען האבען אידען פארנומען געהויבענע פלעצער אין אלע צווייגען פון איהר אינדוסטריע און געשעפט וועלכע האבען געבראכט קענעדע צו דער שטופע אויף וועלכער זי שטעהט יעצט.

עס איז קוים צו געפינען וועלכע עס איז צווייג אין דער לעבעדיגער קענעדע אין וועלכער אידען זיינען ניט פארטראטען אדער זענען ניט געוועזען פארטראטען, אין געשעפט פונקט ווי אין ארבייט, אין אימפארט ווי אין עקספארט און במילא האבען די אידען צו געטראגען א גרויסען טייל צו קענעדעס ענטוויקלונג, רייכטום און גליק.

יעקב עללען.

מיר וואלטען זיך געקענט אפשטעלען און אנווייזען אויף פיעלע אינדוסטריען און געשעפטען וועלכע זיינען אויפגעבויט און ענטוויקעלט געווארען בלויז א דאנק אידישער ענערגיע, און אונטערנעהמונגס קראפט, מיר וועלען עס פיללייכט ביי א געלעגענהייט טון. יעצט וועלען מיר זיך אפשטעלען בלויז אויף א געוויסער אינדוסטריע, וועלכע איז אויסשליסליך ענטוויקעלט געווארען אין קענעדע פון אידען און ווערט אויך יעצט פון זיי געפיהרט, און דאס איז די „מאווינג פיקטשור" אינדוסטריע.

מיט איינינע יאהר צוריק, טאקי גאר ניט לאנג האט מען ניט געהאלטען דערפון. מען פלעגט אפט קענען הערען א באמערקונג פון א [illegible] פראקטישען מענשען.

אויך מיר א געשעפט, מאווינג פיקטשורס, מען געהט זעהען ווי מענשען מאכען זיך משוגע און נאריש.

פון לאכען און זאגען וויצען וועגען דעם איז אפגערעדט.

יעצט אבער לאכט מען שוין ניט מעהר פון דעם. די מאווינג פיקטשורס האבען אן אינדוסטריע ענטוויקעלט, וועלכע ווערט געשאצט אין ביליאנען דאלאר. חוץ דעם וואס די בעוועגליכע בילדער זיינען געבראכט געווארען צו א שטופע פון קונסט.

סצענעס וועלכע קיינער האט קיין מאל ניט געחלומט, מען זאל קענען אויפפיהרען אויף א ביהנע זיינען מעגליך געווארען צו זעהען אויף'ן לייוונט. עס זיינען מעגליך געווארען צו זעהען לאנדשאפטען פון וועלכע מען איז טויזענדער מיילען ווייט. דורך'ן קינעמאטאגראף האט מען זיך באקענט מיט דעם וואס עס טוט זיך אויף'ן דעק פון ים און אנדערע פארבארגענע ווינקלען צו וועלכע דאס מענשליכע אויג האט נים געקענט גרייכען.

אין די פארווארפענסטע ווינקעלאך פון ערד קוגעל, ווערען באוועגליכע בילדער געזעהען און געוויזען, זאגאר אין כינא און אינדיען.

דאס זיינען זאכען וועלכע קיינער פרובירט שוין יעצט ניט לייקענען און נויטיגען זיך ניט אין קיין אנאליזען, מיר ווילען בלויז דערמיט באווייזען אז די דאזיגע נוצליכע און רייכע אינדוסטריע האט אין קענעדע אריינגעבראכט און ענטוויקעלט א אידישע פאמיליע.

דער פאמיליע עללען וועלכע געפינט זיך און איז גאנץ גוט באקאנט אין דער אידישער אזוי גוט ווי אין דער ניט אידישער טאראנטא איז צו פארדאנקען דאס וואס די מאווינג פיקטשור אינדוסטריע אין קענעדע איז יעצט אזוי שטארק ענטוויקעלט.

עס איז אמת, אז איידער די עללען פאמיליע איז אנגעקומען אין קענעדע האבען זיך אין פארשידענע שטעדט פון קענעדע געפונען מאווינג פיקטשור פלעצער וואו מען האט פאר פינף און צעהן סענט געקענט זעהען אלע „וואונדיירים". אבער דאס זיינען אלץ געוועזען אימפארטירטע פון אמעריקא און די פראדוקציאן איז געלעגען אין די הענט פון א טראסט.

די עללען פאמיליע אדער ווי זיי זיינען בעסער בעקאנט אין טאראנטא אלס די עלען ברידער האבען איינגעזעהען די וויכטיגקייט פון דער דאזיגער אינדוסטריע און האבען זיך גענומען צו איהר ענטוויקלונג.

די ענטוויקלונג האט געהייסען א קאמף מיט'ן עקזיסטירענד'ען טראסט, עס איז אויך אינטערעסאנט צו געבען אן איבערבליק איבער דער דאזיגער אינטערעסאנטער פאמיליע.

דוב בער עלען איז דער פאטער פון די עללען ברידער, ער איז 50 יאהר אלט א שטרענגער ארטהאדאקסישער איד, וועלכער האט אויך אזא ערציהונג געגעבען זיינע צוויי עלטערע קינדער יהודה, וועלכער איז יעצט 30 יאהר אלט און יעקב, 28 יאהר אלט.

געבוירען און ערצויגען איז דוב בער געווארען אין ליפסק, פוילען, פון וואנען ער האט מיט ארום 30 יאהר צוריק אויסגעוואנדערט נאך אמעריקא. עס איז געוועזען אין די 80־ער יאהרען ווען דער שטראם נאך אמעריקא איז געוועזען א גאנץ שטארקער, א דאנק די פארפאלגונגען פון דער צארישער רעגיערונג און ווי אלע אידען אין יענער צייט האט ער זיך גענומען צו פארשיעדענע באשעפטיגונגען, און ווי דער כלל איז, אז פון א סך מלאכות זענען וועניג ברכות, נאר א איד איז דאך א איד, האט מען חתונה און מען פאנגט אן צו פיהרען א פאמיליען לעבען. עס האט שוין געהאלטען אזוי ווייט אז דוב־בער עללען איז געווארען א דזשולער, דאס הייסט ער איז אריין אין די דזשולערי ביזנעס און וואלט אפשר אין דעם געוועזען פארבליבען, האט אבער פאסירט אז יהודה זיין עלטערער זוהן איז אפגעפארען נאך האמילטאן אנטעריא צו זיין פאטערס א פריינט, זוכען גליק אין א יונגער לאנד פון גרויסע פארשפרעכונגען און פון יענער צייט הייסט עס מיט א 12 יאהר צוריק פאנגט זיך אן זייער טעטיגקייט אין דער מאווינג פיקטשור וועלט.

דער יונגער יעקב וועלכער איז אביסעל שפעטער געקומען צו זיין ברודער האט גלייך דערזעהען וועלכעס גרויס פעלד עס איז דא פאר מאווינג פיקטשורס און האט געעפענט א קליין טעאטערעל אין ברענטפארד אנטעריא, די געשעפטען זיינען אבער ניט געווען קיין גלענצענדע צוליעב פיעלע טעמים, אבער הויפטזעכליך צוליעב דעם וואס די בילדער זיינען געווען שווער צו קריגען.

צוויי יאהר נאכדעם ווען די גאנצע פאמיליע איז שוין געווען אין קענעדע האבען זיך אלע גענומען ענערגיש צו דער קלענערע שטעדטלאך פון קענעדע וואו די ארבייט פון עפענען טעאטערע אין די אינוואוינער האבען ניט געחלומט דאס צו האבען און אין א קורצער צייט האבען זייע געעפענט טעאטערע אין בערלין (יעצט קיטשענער) טשעטהעם און קינגס טאן. שפעטער האבען זיי פארקויפט די טעאטערע אין די קלענערע שטעדטלאך און האבען געעפענט א גרויסען טעאטער אין ברענטפארד.

דאס האט אבער ניט צופריעדענגעשטעלט דעם אונטערנעהמונגס גייסט פון די עללענס. זיי האבען געשטרעבט צו עס וואס גרעסערעס און נאך אלעמען האבען זיך די געשעפטען ניט שטארק בעצאהלט. האבען די עללענס אונטערנומען אן אנדער, און דאס איז מאכען אן „עקסטשיינדזש". דאס הייסט ניט נאר אליין נוצען די בילדער וועלכע זיי האבען אימפארטירט פון ניו יארק, נאר אויך זיי פארקויפען צו אנדערע טעאטערע, דאס איז אין אמת'ן געווען דער ערשטער שריט צו דער גרויסער פילם „עקסטשיינדזש", צייט דאן האט זיך ענטוויקעלט דער גרויסער פילם עקסטשיינדזש וועלכער ווערט קאנטראלירט פון די עללען ברידער און וועלכער ווערט געשאצט אין מיליאנען דאלאר.

דאס דאזיגע ווי פאראויס געזעהען האט גענוצט זיין אן ערפאלג און טעאטערע האבען אנגעפאנגען געבויט צו ווערען פון די עלען ברידער איבער גאנץ קענעדע, קאלגערי, וואנקאווער, וויניפעג עדמאנטאן, מוז דזשאו, רעדזשיינא און פיעלע אנדערע שטעדט עס איז ניטא קיין איין באדייטענדע שטאדט אין קענעדע אין וועלכער עס זאל ניט זיין און עלען טעאטער: פונ'ם ערשטען בראנדפארד טעאטער וועלכער איז קוים געבויט געווארען מיט 700 דאלאר איז אויסגעבויט געווארען אין קאלגערי א טעאטער פאר 125,000 דאלאר, דאס איז בלויז געווען אין צייט פון עטליכע יאהר און גאר דער לעצטער טעאטער וועלכער איז אויפגעבויט געווארען דא אין טאראנטא אין דעו ווערט פון א פערטעל מיליאן דאלאר און איז אויף דעם געביט דער שעהנסטער אין טאראנטא. אויף'ן קארנער ריטשמאנד און וויקטאריא סטריט, א פרעכטיגער טעאטער וועלכען עס איז ווערטה אן און פאר זיך צו זעהען שוין־גיט ריינקייט פון די בילדער וועלכע ווערען דארטען געוויזען.

אינטערעסאנט איז אבער דער קאמף וועלכען די עלען ברידער האבען אנגעפיהרט מיט די גרויסע טראסטים.

ווען זיי האבען אנגעפאנגען צו פארקויפען די בילדער וועלכע זיי אליין האבען געקויפט האבען די טראסט'ס זיי דאס פארווערט און האבען זיי ניט געגעבען קיין בילדער, דער אונטערנעהמונגס גייסט האט אבער געזיגט, עס איז געווען א שווערער קאמף אבער א געלונגענער, יעצט איז זייער הויפט אפיס אין לאנדאן ענגלאנד מיט זייער הויפט קווארטיר אין טאראנטא פון וואנען זיי פיהרען אן זייערע געשעפטען און דירעקטירען עס איבער אלע טיילען פון קענעדע, חוץ די גרויסע טיילען וועלכע זיי האבען אין די גרעסטע פילם הייזער אין דער וועלט.

יהודה עללען.

יעקב האט זיך אבער ניט באגנוגענט מיט בלויז אויסברייטען זיין טעטיגקייט אין קענעדע און איז געפאהרען אין רוסלאנד עפענען טעאטערע. ער האט געעפענט א טעאטער אין סמאלענסק, אבער ווי יעקב אליין ערקלעהרט זיינען די אומשטענדען אין רוסלאנד דאן ניט געווען אזעלכע גינסטיגע ווי די אין אמעריקא און ער האט זיך צוריקגעקעהרט.

ביידע ברידער זיינען פארהייראט און ארבייטען הארמאניש אין זייער גוואלדיג גרויסער אונטערנעהמונג וועלכע איז פארצווייגט אין אלע עקען פון קענעדע און אמעריקא. דער פאטער שניידט די גומע פרוכט פון זיין גענויאלער פאמיליע.

אין דער פאמיליע זיינען דא נאך צוויי זיהן איינער 21 יאהר אלט חיים, וועלכער איז אויך ביז יעצט געווען אין די ביזנעס, יעצט איז ער אבער צוגענומען געווארען פאר א סאלדאט און האט באקומען א קאמישאן.

דער צווייטער איז א בחור פון ארום 15 יאהר.

אין געזעלשאפטליכער טעטיגקייט זיינען די עללענס זעהר גוט באקאנט. עס איז קוים פאראן א וועלכע עס איז צדקה אינסטיטוציע אין שטאדט אין וועלכער די עללען פאמיליע זאל ניט האבען קיין גרויסען חלק. זייער הויז איז אימער געווען אפען פאר צדקה און ניט אומזיסט רופט מען זיי די פאמיליע מיט ברייטע הערצער און אפענע הענט. אויסצורעכנען אלע אינסטיטוציעס וועלכע זיי האבען געהאלפען אויפבויען און וועלכע עקזיסטירען בלויז א דאנק זיי וואלט צופיעל פלאץ פארנומען.

דער פאטער אליין האלט נאך ביז היינטיגען טאג אויף אלע זיינע קרובים און כלל ארימע לייט וועלכע געפינען זיך אין זיין געבורטס שטעדטעל ליפסק.

מענשען מיט בילדונג און ברייטע הערצער וועלכע אין זייער גרויסען ערפאלג וועלכען זיי האבען בייגעשטייערט אין אויפבויען די פילם אינדוסטריע אין קענעדע האבען אויך ניט פארגעסען זייערע ארימע פון זייער פאלק

פערקיופיין גאלד קעמפ

די לעצטע אינפארמאציעס קענט איהר קריגען ווען איהר וועט זיך סובסקרייבען פאר דעם פערקיופיין העראלד.

סויטה פערקיופיין, אנטעריא.

פרייז פאר קענעדע $1.50 פעראיר

א בריוועלע דער מאמען

פון י. בודאוויניץ

די ידיעה אז לייבקע חייט, בנימין יענקעל דעם שניידערס זוהן איז געווארען קאמיסאר, האט ארויסגערופען אין שטעדטעל א גוואלדיגע סענזאציע אין בית המדרש האט מען אבגעלייגט אלע וויכטיגע פאליטישע ענינים און א זייט און מען האט גערעדט בלויז וועגען „לייבקע דעם שניידערס". אלע זיינען געוועזען אויפגערעגט און אין כעס.

— האט איהר געהערט א מעשה — האט געטענה'ט פישעל בערקאוויטש, וועמעס זוהן דעם „אבאראנעץ" האט מען ניט לאנג ארויסגעטריבען פון מיליציע — עס איז דאך ממש א חרפה — בעל הביתשע בחורים געהען ארום אהן ארבייט און אזא שניידערוק ווערט גאר א גאנצער שררה.

אנדערע איז סתם ניט אנגעשטאנען די מעשה, „גוטע יאהרען דערלעבט" — האבען זיי זיך בעקלאגט — לייבקע חייט וועט אונז געהען זאגען א דעה און צו דו ווילסט און צו דו ווילסט ניט, מען וועט מוזען פאלגען."

— נו אזוי לאנג וועט ער קרענקען, ווי איכ'ל איהם פאלגען, — האט זיך אריינגעמישט אין שמועס א דריטער — דאס איז ער דארטען א קאמיסאר, איך קען איהם נאך אבער פאר־לייבקען. מיר פלאמט נאך איצט די האנד פון די פעטש וואס איך האב איהם אמאל געגעבען.

— איהר ווייסט, האט געזאגט א נידריגער איד מיט א שיטערער, געלער בערדיל, — עס איז א רחמנות אויף בנימין יענקעל'ען, אן ערהליכער איד.

— וואס פאר א רחמנות — האט געזאגט פישעל בערקאוויטש — געפונען אויף וועמען א רחמנות צו האבען, עס איז איהם איצט בעסער, ווי מיר מיט אייך. מיט אונז אלעמען. נישקשה, דער עפעל פאלט ניט ווייט פון בוים.

אין דער צייט איז אריינגעגאנגען, אין בית המדרש בנימין יענקעל, עס איז געווארען שטיל, אלע האבען זיך געפיהלט עפעס ניט גוט. בנימין יענקעל האט משמעות פערשטאנען, וועגען וואס מען האט דא גערעדט. ער האט אראבגעלאזען די אויגען. צוגעגאנגען צום טיש און גענומען א תהילים. פישעל האט ווידער אנגעהויבען צו רעדען:

— ער האט נאך א הארץ צו זאגען תהילים אויסגעהארעוועט א בן אויף לייטישע געלעכטער און קוקט אויף איהם איז ער גאט די נשמה שולדיג.

— וואס קוקט איהר אויף מיר? — האט יענער אנגעהויבען צו שרייען — שעהמען מעגט איהר זיך אין אייער ווייטען האלז.

אלע האבען געווארט, וואס וועט דא ארויסקומען, נאר פאר בנימין יענקעלען האט זיך אנגענומען דער קורצער איד, וואס האט פריהער געהאט אויף איהם, רחמנות. ער איז צוגעגאנגען צו פישלען, גענומען איהם פארן ארבעל און שטילערהייד געזאגט:

— שא, רבי פישעל, וואס איז דאס פאר א גאנג! ער איז דאך אודאי ניט שולדיג. דאווענט בעסער מעריב, רבי בנימין יענקעל — האט ער זיך געווענדעט צום איבערגעשראקענעם שניידער.

מיט א פארקלעמטען הארצען איז בנימין יעקעל צוגעגאנגען צום עמוד און האט אנגעהויבען צו דאווענען מעריב. ער האט געהאט א זאנפטיגע שטים און האט תמיד גערדאווענט „מיט הארץ" נאר דאס מאל זיינען איהם פון הארץ ארויסגעגאנגען פאתשטיקטע, אומעטיגע ווערטער, און אין קאפ האט איהם אהן אויפהער געקלאפט ווי מיט א האמער: אויסגעהארעוועט א בן אויף לייטישע געלעכטער...

אבגעדאווענט מעריב, האט זיך בנימין יענקעל ניט פערהאלטען ווי זיין שטייגער איז תמיד געווען, אין שוהל און איז אוועקגעגאנגען גלייך צו זיך אהיים.

אין שטוב'האט איהם מיט א פרעהליכען פנים בעגעגענט זיין ווייב איטע־לאה.

— א בריוועל פון לייבעלען — האט זי מיט פרייד אויסגעשריען, ווי נור זי האט דערזעהען בנימין יענקלען.

— לייען, וואס ער שרייבט, א געזונד אויף איהם, ער האט זיך גאר ניט געענדערט, פונקט דער זעלביגער, וואס אמאל, זאל איך אזוי לעבען. פרעגט זיך נאך וואס מיר מאכען, און נא, אויב דיר איז קארג א „פאוויעסטקע" אויף 300 קארבען. זעה וואס איז דאס מיט דיר, וואס ביסטו עפעס אזוי בלייך? האט זי געפרעגט ביי בנימין יענקלען.

— גארנישט, איך האב זיך אויסגעהונגערט, עס ווילט זיך עסען, איז וואס זאגסטו, ער איז געזונד?

— געזונט, געזונד, ביז הונדערט מיט צוואנציג יאהר, געזונד זאל ער זיין אייביג. רבונו של עולם, גלייך גיב איך דיר וועטשערע.

בנימין האט אנגעטהאן די ברילען און דורכגעלייענט דעם בריעף. לייבעלע האט געשריבען, אז איהם וואלט זיך זעהר ווען לען זעהען מיט די עלטערען. ווייטער האט ער געפאדערט, דער אלטער טאטע זאל שוין אויפהערען צו הארעווען, נישקשה ער איז אומשטאנד איהם צו שטיצען און שיקט איהם ארויס טאקע דריי הונדערט רובעל.

איטע לאה האט דערלאנגט וועטשערע און מיט א שיינענדיגען פנים געפרעגט ביי בנימין יענקלען:

— נו, האסטו געלייענט וואס זאגסטו?

— גארנישט — האט בנימין יענקעל אויסגעטהאן די ברילען — וואס זאל איך זאגען?

איטע לאה איז אוועקגעגאנגען שלאפען, אביסעל פערוואונדערט, וואס איהר מאן האט אזוי קאלט אנגענומען די בשורה טובה.

נאך וועטשערע האט בנימין יענקעל ווידער געלייענט דעם בריעף. דערנאך האט ער גענומען די „פאוויסטקע" בעטראכט זי פון אלע זייטען און זיך איינגעקוקט אויף איהר נעגען דעם ליכט. ‚מען דארף זי גאר פארברענען — האט ער בעשלאסען — ווייס איך א קאמיסאר, גרינגע פרנסות... אויסגעהארעוועט א בן אויף לייטישע געלעכטער" — זענען איהם פלוצלונג געקומען אין קאפ פישעל בערקאוויטשעס ווערטער. ער האט לאנגזאם צוגעטראגען די „פאוויעסטקע" צו דעם ליכט.

בולט איז פאר בינימין יענקלען ארויסגעטרעטען די ציפער 300. פלוצלינג האט ער צוגעכאפט די „פאוויעסטקע" צוריק פון ליכט און מיט א קלאפענדיגען הארץ האט ער א טראכט געטהאן:

„יענער הארעוועט, מוטשעט זיך, שיקט צו אזא אייגענס, און איך...

ער איז א ווייל געזעסען פערטראכט און האט זיך בישלעכווייז בערוהיגט. עס איז ניט אזוי געפעהרליך — האט ער געקלעהרט — נישקאשע, לייבעלע איז ניט גלייך צו אלע קאמיסארען. ער איז פארט א וואזשנער בחור און א ירא שמים דערצו, ער וועט די זאך גאר אנדערש איינשטעלען, ער וועט זיי ווייזען, ווי מען דארף פיהרען א מלוכה

בנימין יעקיל האט זיך אויפגעהויבען פון ארט און מיט שמילע טריט אוועקגעגאנגען שלאפען. עס וואלט געוועזען גוט — האט ער געטראכט, שוין ליגענדיג אין בעט — ער זאל קומען אויף יום טוב אהיים. ער וועט דא פאהרען איבער די גאסען אויף אן אויטאמאביל, איטע לאה וועט זיצען נעבען איהם, און אלע וועלען דאס אזוי אנקוקען זי און מקנא זיין. איך וועל איהם בעטען ער זאל צוריק אבגעבען פישעלס בחור'ל זיין שטעלע, וואס האב איך צו א אירען? לייבעלע וועט דאס טהאן, ניט ווילענדיג וועט ער צוליעב טהון דעם טאטען, הע, הע, הע, ער וועט פאלגען דעם טאטען...

„ווער ווייסט — האט בנימין יענקעל ווייטער געטראכט — אפשר איז איהם טאקי בעשערט צו ברענגען א ישועה טובה אויף כלל ישראל. שוין צייט טאקי, בנימין יענקעל האט זיך פארגעשטעלט ווי פישעל בערקאוויטש וועט קומען דאן צו איהם און וועט מחילה בעטען, וואס ער האט איהם מבייש געוועזען בפני רבים:

— איך בין אייך מוחל, רבי פישעל במחילה גמורה, וועט ער איהם ענטפערען — פאר זיך און פאר מיין לייבעלען זאל איך גאט אויך מוחל זיין.

בנימין יענקעל ציהט אויס זיין רארע האנד, נעהמט פון טישעל די פאוויעסטקע און לעקט אויף איהר מיט האלב דערשראקענע אויגען. די ציפער 300 שווימען זיך פארנאנדער, פערגרעסערט זיך מיט אהן שיעור נולען און מיט א צופריעדענעם שמייכעלע ווערט ער אנטשלאפען...

(אונזער טאגעבלאט).

CARLING'S

GOLD MEDAL

ALE, PORTER

& LIGHT BEER

CARLING

Carling

LONDON

מאקס סיגיל 12-10 עגעמערטסט, קאלעדוש 4704

דער איינציגער האלסייל פארקויפער אין טאראנטא פון די אויבענדערמאהנטע אויסגעצייכענטע ברענדס.

שפארט 20 פראצענט אויף אייערע

דרוק ארבייט

ווען איהר ארדערט אייער פרינטינג אין

„די דזשוירנאל פרעסס"

שפארט איהר זיכער פון 20 ביז 30 פראצענט

דא האט איהר איינינע פרייזען:

לעטער העדס — — — — — $3.00 א טויזענד.

ענוועלאפס — — — — — — $3.00 א טויזענד.

ביל העדס — — — — — — $2.15 א טויזענד.

סטייטמענטס — — — — — $2.50 א טויזענד.

אויך פארשיעדענע סוירקולארס, קארדס, פאוסטערס, טיקעטס, בלאטערס, שיפינג טעגס א. ז. וו. צו די בילינסטע פרייזען.

שעהנע ארבייט. אטענדעט אין צייט.

פרעגט אונז פרייזען.

„די דזשוירנאל פרעסס"

„אידישער זשורנאל" 251־253 קווין סטריט וועסט

א. גאלד ה. לעווענטהאל

LIGHTEN YOUR
WASHDAY LABOR
EDDY'S
EDDY'S

אנגענעהמליכקייט און באקוועמליכקייט רעכענט זיך אין וואשטאג פיעלכט מעהר איידער וועלכען עס איז אנדער טאג אין וואך. יעדער זאך וואס קען פארלייכטערען די ארבייט איז טאפעל ווילקאמען דאן.

עדיס פארהארטעוועטע פייברוועאר וואש טאבס און וואש ברעטלאך

פארלייכטערען די ארבייט, זיי שפארען צייט און קראפט און קאסטען ניט מעהר. עדיס פייבר וואש־טאבס זענען לייכט אויפצוהויבען און לייכט צו טראגען, זיי האלטען דאס וואסער הייס א לאנגע צייט, ווייל זיי לאזען פון זיך ניט ארויס די הייץ אזוי ווי די גאלוואניזירטע אייזען אדער בלעכענע טוען עס. זיי קענען ניט ריינען, ווייל זיי זענען געמאכט פון איין שטיק אהן דזשוינטס און נאטען און עס קאסט ווייניגער ווייל זיי וועלען דויערען מעהר, איידער די אלטע פאסאנען וואש־טאבס. עדיס טווין ביעווער וואש ברעטלאך שפארען צייט דורך די ספעציעלע קארבען, וועלכע שווינקען אפ די שמוץ לייכט, מען קען וואשען אויף ביידע זייטען און דאס גיט טאפעלע דויערנהאפטקייט איידער געוועהנליכע וואש־ברעטלאך.

The E. B. EDDY CO. Limited
HULL, Canada
Makers of the Famous Eddy's Matches

When you buy matches look for the name "Eddy" on the box.
A kind for every purpose.

A1

THE DAILY HEBREW JOURNAL

H. Winberg, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
PUBLISHED BY
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., LTD. —
251 - 253 Queen Street West Telephone Adelaide 3967
Subscription Rates $5.00 Per Year
Single Copy — 2 Cents

Entered as Second Class Mail Matter at C.P.O. Toronto Ontario
January 22nd. 1913

צום קאמף מיט דער עפידעמיע

די עפידעמיע, אנשטאט קלענער צו ווערען, האט זיך פארגרעסערט אין שטאדט, ווי איבער'ן גאנצען פראווינץ. מאסרעגעלען, וועלכע מען האט ניט געוואלט אננעהמען די גאנצע צייט, אום צו פארהיטען א פאניק, ווערען ענדליך אנגענומען. עס זענען שוין געשלאסען אלע שוהלען און מאנכע הייך־שוהלען. עס האלטען זיך אויך ביי שליסען די אוניווערזיטעטען, ביבליאטעקען, און אלע אנדערע פלעצער, וואו א גרויסער עולם קומט זיך צוזאמען. לויט דעם לעצטען באשלוס פון דער היגער באארד אף העלט, וועלען פון מאנטאג אן אויך געשלאסען ווערען אלע היגע טעאטערע און אמוזמענט־פלעצער.

אין האמילטאן איז מען אוועק אפילו אזוי ווייט, ווי צו פארבאטען פארזאמלונגען, ביי וועלכע עס קומען זיך צוזאמען מעהר ווי פינף און צוואנציג מענשען.

אין לאנדאן, אנטאריא, האבען די דארטיגע געזונדהייטס־בעאמטע פארבאטען ארויסצוגעהן פון הויז יעדען איינציגען, וועלכער איז נאר צוגעקיהלט אדער הוסט.

די לאגע איז קריטיש, און מען נעהמט אן אלע פארזיכטס־מיטלען, באזונדערס אויסצומיידען אז א סך מענשען זאלען זיך צוזאמענקומען אין איין פלאץ, און דאס דארף דורכגעפיהרט ווערען מיט דער גרעסטער שטרענגקייט.

מען דארף ניט ווארטען, ביז וואנען מען וועט געצוואונגען ווערען, נאר פרייוויליג דארף יעדער העלפען אין דער באקעמפונג פון דער עפידעמיע.

די פאבליק־סקוהלס, די קאלידזשיאייטס זענען געשלאסען, און עס מוזען זאפארט אויך געשלאסען ווערען אלע אידישע ערציהונגס־אנשטאלטען.

איינגע תלמוד תורות און אלע פריוואט־שולען זענען שוין געשלאסען. עס זענען אבער נאך געבליבען איינגע תלמוד תורות און א רייהע פריוואט חדרים, וועלכע זענען נאך אפען. און דיזע מוזען זאפארט געשלאסען ווערען אהן שום תירוצים.

אידישע עלטערען — זייט ניט די מערדער פון אייערע קינדער, און שיקט זיי ניט אין די אפענע ערציהונגס־אנשטאלטען, אויב די לעצטע וועלען זיין איינגעשפארט, און ניט וועלען זיי צושליסען.

עס איז יעצט ביי אונז אין שטאדט זעלטען דא א הויז, וואס זאל ניט זיין געטראפען פון דער קראנקהייט אין איינער אדער א צווייטער פארמע, און מען מוז זיך אפהיטען פון לאזען די קינדער צוזאמענקומען.

מיר ווילען האפען, אז היינט וועלען זיך שליסען די איבעריגע, דערוויייל נאך אפענע אנשטאלטען, אבער אויב ניט, דאן ליעגט אויף אייך אידישע עלטערען דער חוב, ניט צו שיקען אייערע קינדער, און העלפען דאדורך באקעמפען די מגפה.

אין אויך א צווייטע פליכט ליעגט יעצט אויף אלע בירגער, באזונדערס אויף די פרויען.

עס איז ארגאניזירט געווארען פון דער פראווינציעלער רעגירונג א הילפס־ארמיי פון וואלונטירען צו העלפען קעמפען מיט דער מגפה, און עס איז די פליכט פון די אידישע פרויען און מיידלאך, אויב זייערע אומשטענדען און צייט ערלויבט עס נאר, אנצושליסען זיך אין דיזער וואלונטירען־ארמיי, און העלפען מיט וואס מען קען נאר.

צו דער צייט, וואס פארשיעדענע וויסענשאפטליכע אונטערזוכונגען ווערען אנגעפיהרט, אום אויסצוגעפינען א מעדיצינישען מיטעל, ווי אזוי צו באקעמפען די שרעקליכע קראנקהייט, ווייסט דערווייל אבער די מעדיצין נאר פון איין פארטרויליכען מיטעל, וואס איז דער גרעסטער שונא פון דער קראנקהייט — דאס איז פרישע לופט און זונשיין.

זעהט בארויבט זיך ניט אליין פון דיזען מיטעל.

שרעקט זיך ניט פאר אן אפענעם פענסטער.

אן אפענער פענסטער אין אייער שלאף־צימער קען אפט מיינען א קלענערען דאקטאר־ביל און א געזונטען קערפער.

קארגט ניט מיט פרישער לופט — דערווייל איז נאך אויף דעם ארטיקעל קיין יקרות ניט פארהאן.

פאש און אלענבי

דער סוף פון דעם חלום ווערט אלץ נעהנטער, און פון דעם צופאלענעם טרוים וועט ווערען דאס, וואס עס איז געווארען פון אלע חלומות און טרוימען.

יאהרען און יאהרען האט דייטשלאנד גע'חלום'ט, נאכדעם ווי זי איז גרויס געווארען, אז עס וועט איהר געלינגען אריינצושטעלען א פוס אין דעם לאנד פון די „ראדזשאהס״ און אנדערע אינדישע פירשטען, און דאס דערגרייכען האט מען געדארפט דורך דער בערלין־באגדאד אייזענבאהן. דורך דער באהן־ליניע האט מען עס געוואלט באקומען איינפלוס איבער'ן גאנצען אריענט, איבער דעם נאהענטען מזרח, און אויך איבער אינדיען.

פאש האט צושטערט דייטשלאנד'ס טרוים וועגען א גרעסערער דייטשלאנד און א „מיטעל־אייראפא״, און אלענבי צושטערט יעצט דעם צווייטען דייטשען טרוים וועגען אזיען.

די ענגליש־פראנצויזישע ארמייען נאך זייערע גרויסע זיגע אין ארץ ישראל און סיריען געהן אלץ ווייטער, געהן אויף אלעפפא, דעם וויכטיגסטען באהן צענטער פון דער באגדאד ליניע, און מיט דער הילף פון ענגלישע קאנאנען צו צושמעטערען דאס איבעריגע פון דעם דייטשען טרוים.

די דייטשע טרוימען ווערען פארניכטעט, ווילהעלם רופט שוין מעהר ניט גאט צו הילף, און ווען די ווינער „ארבייטער צייטונג״ שרייבט שוין היינט, אז „די גראפען האבען אנגעהויבען דעם קריעג און דאס פאלק פארענדיגט איהם יעצט״, איז עס גוטע סמנים, אז דער סוף איז נאהענט, דער סוף ניט נור פון די דייטשע חלומות, נאר אויך פון דעם גאנצען בלוטיגען שפיעל.

פעטער קראפאטקין אלס געפאנגענער פון די באלשעוויקעס

פון געארג בראנדעס

(איבערזעצט ספעציעל פאר דעם „אידישען זשורנאל״ מיט דער ערלויבנים פון'ם מחבר פון ש. פאן)

דער בעקאנטער אידיש־דענישער ליטעראטור היסטאריקער און קריטיקער פראפעסאר געארג בראנדעס האט אין דער דענישער רעגירונגס צייטונג „פאליטיקען״ פארעפענטליכט פאלגענדען ארטיקעל וואס איז אן אויפרוף צו דער גאנצער ציוויליזירטער מענשהייט, דאס מען זאל זיך באמיהען מיט אלע כחות צו באפרייען דעם בעקאנטען אנארכיסטישען טעארעטיקער און וויסענשאפטסמאן פירשט פעטער קראפאטקין פון דער באלשעוויסטישער געפאנגענשאפט.

דער „פארווערטס״ האט געבראכט די ידיעה וועגען דער געפאנגענשאפט פון פירשט קראפאטקין. די רוסישע רעגירונג זאל האבען ארעסטירט קראפאטקינען צוזאמען מיט אנדערע בעקאנטע רוסישע שריפטשטעלער, אלס משכנות, דאס אין א פאל ווען עס וועלען פארקומען עווענטואליטעטען, זאלען זיי ווערען פארמשפט צום טויט. די ארעסטירונג זעהט אויס צו שטעהן אין פארבינדונג מיט ענגלאנדס דראהענדען מארש אויף פערם.

פאר די איינוואוינער פון קאפענהאגען איז גאנץ אונמעגליך צו קאנטראלירען דעם אמת וועגען דעם, וואס עס ווערט טעלעגראפיש מיטגעטיילט, אזוי, אז עס איז גאנץ מעגליך, דאס מען האט אין דעם פאל צוגעווארפען א נישט בעגאנגענעם פארברעכען צו די רוסישע טעראריסטען.

ליידער ווייזט זיך עס ארויס אז די דאזיגע משוגעת איז ניט קיין אויסגעטראכטע. קראפאטקינ'ס ענגלישע סימפאטיען זענען זעהר גוט בעקאנט, און עס איז ניט אויסגעשלאסען אז די מאכט בעזיצער פון רוסלאנד האבען אין דעם איצטיגען מאמענט זיך איינגעבילדעט אז זיי וועלען איבערשרעקען ענגלאנד דערמיט, וואס זיי וועלען אנווארפען א מורא אויף איהרע בעדייטענדע און ווערטפולע מענער.

אויב די זאך איז באמת אזוי, אז דער רוסישער רעוואלוציאנערער וועלט־באריהמטער גדול, דער איינציגער מאן אין רוסלאנד וועלכער מיט זיין כאראקטער'ס גרויסקייט און הויכער אינטעליגענץ לאזט זיך נאר פארגלייכען מיט א לעא טאלסטאי, איז איצט א געפאנגענער פון די רוסישע באלשעוויקעס. פריהער איז ער געווארען איינגעשפארט פון דער צארען־מאכט און פון די פראנצויזישע רעפובליקאנער, וועלכע האבען זיך כסדר אונטערגעשמייכעלט צו דער צארען־מאכט — איז איצט איינגעשפארט געווארען פון דער באלשעוויסטישער מאכט. אין דער איצטיגער וואהנזיניגער צייט איז דאס אפשר דער גרעסטער וואהנזין, וואס איז פריהער געהערט געווארען.

דעם אנארכיזם וויסענשאפטליכער טעארעטיקער א געפאנגענער און געסטראשעט מיט'ן לעבען פון רוסלאנדס רעוואלוציאנערען — דאס איז זיין אייגענע דיסציפלין! רוסלאנדס אידעאליסטער פארקעמפער און אזוי שטארק פאלקליבער מענש, א געפאנגענער אלס נייזעל פון די בלוטדורשטיגע מאסען, פאר וועלכע ער האט געאפפערט זיין עקזיסטענץ כמעט א האלבען יאהרהונדערט.

ווען קראפאטקין איז אין זיינער צייט אבגעזעסען פולע דריי יאהר אין פראנקרייך אין קלארוואו און האט נאך געהאט צו זיצען צוויי יאהר — פאר געהערען צו דער „אינטערנאציאנאלע״ אין 1870, צו וואס דער פראנצויזישער מיניסטער יוליוס סימאן האט זיך פארהאלטען גאנץ גלייכגילטיג — האבען זיך ענגלאנדס בעדייטענדסטע וויסענשאפטס מענער באמיהט איהם צו באפרייען, וואס דאס איז זיי אויך געלונגען.

וואו איז ביי די איצטיגע פארהעלטנישע אין אייראפא פאראנען אזא וויסענשאפטליכע פערזענליכקייט, געגען וועמען דער רעאקציאנערער אדער רעוואלוציאנערער אורטייל זאל ניט זיין דאגעגען?

אזוי טיעף זיינען מיר געזונקען, אז עס איז שוין איבערהויפט קיינער ניט פאראן, עס איז שוין איבערהויפט ניטא קיינער, וועמען מען זאל הערען און פאלגען.

אין איינצעלנע שוואכע שטימע האט איבערהויפט קיין שום געוויכט ניט, און אויב עס געפינט זיך יא איצט אין רוסלאנד א מאן מיט געדאנקען אין קאפ און מיט פערשטאנד פאר דער געשיקטליכקייט און זינען, א מאן, וואס האט אן איינפלוס אויף די איצטיגע מאכט בעזיצער, טא זאל ער פאר דעם לאנד'ס עהרעס וועגען דאס ערשטע זעהען צו זאגען פאר דער באפרייאונג פון קראפאטקינען.

עס איז שרעקליך און וועהמוטיג, דאס פריינד, וועלכע האבען אין א פערטעל יאהרהונדערט געזוכט צו באקעמפען קראפאטקינ'ס כמעט רעליגיעזען גלויבען וועגען דער מאסעס אויסגעצייכענטע אייגענשאפטען און פאליטישע פעהיגקייטען האבען אימער געמוזט הערען דעם געבוירענעם אריסטאקראט פיינעם און ליעבליך בעלעהרטען אבער דאך הארטנעקיגען ענטפער, וואס האט איצט אויף דעם טרויעריגסטען און אזוי ריהרענדען אופן איבער איהם אליין דאס רעכט באקומען.

ארום און ארום קומט די זאך פאר נאך מעהר ווי אונגלויבליך משוגע.

ווער עס קען קראפאטקינען, דער ווייסט, אז ער וועט שטארבען ווי סאקראטעס, ניט נאר וועט ער זיך ניט בעקלאגען, נור ער וועט דאס אויפנעהמען מיט דער ווארימסטער סימפאטיע פאר זיינע אונוויסענדע און ווילדע הענקער.

קראפאטקין אלס געפאנגענער פון א רעוואלוציאנערער רעגירונג. שוין דאס אליין איז אזוי וואהנזיניג און אזוי פעראכטליך, דאס אייראפא וואלט בעדארפט פראטעסטירען, אין א פאל ווען עס זאל עקזיסטירען אן אייראפא.

אויפ'ן אידישען ביכער און צייטונגס מארק

פון א. ר.

די „אינפלוענציע״ וועלכע בושעוועט יעצט איבעראל, האט אין יעדען פלאץ פאראורזאכט גענוג צרות און טראגעדיעס. אממעהרסטען טראגעדיעס אבער ווייזט אויס, האט עס פאראורזאכט אין פילאדעלפיא, וואו עס איז ניטא גענוג הענט צו באגראבען די טויטע, אזוי גרויס איז זייער צאהל.

שרייבט די דארטיגע אידישע צייטונג — „די אידישע וועלט״, און בעט אז מען זאל קענען באגראבען די טויטע.

„טויטע זיינען געבליבען ליגען אין די בעטען, ווייל עס איז ניט געווען ווער עס זאל זיי בעערדיגען: אלטע הילפלאזע מענשען זיינען געבליבען אליין ווייל זייערע קינדער זיינען געפאלען קרבנות פון דער שרעקליכער עפידעמיע, קליינע קינדער זיינען פלוצלונג געבליבען יתומים ווייל זייערע עלטערען זיינען פערכאפט געווארען פון דער עפידעמיע.

די אידען פון פילאדעלפיא האבען איצט א דאפעלטע אויפגאבע, זיי מוזען זעהען בעערדיגען די טויטע, און זיי מוזען פערזארגען די לעבעדיגע. זיי מוזען זעהען אז די אנדערטייקערס וועלכע האבען זיך אין די לעצטע עטליכע טעג ארויסגעוויזען אין זייערע נידעריגסטע און שענדליכסטע קאלירען וועלכע האבען זיך ערלויבט ארונטער צורייסען די לעצטע העמד פון די לעבעדיגע אידער זיי האבען בעוויליגט צו בעערדיגען די טויטע — זיי מוזען פערטרייבען דיעזע אונמענשליכע הויט שינדער, — אונמענשליכע ווייל בלויז אן אונמענש קען זיך ערלויבען אויסצונוצען אזא צייט ווי די איצטיגע אויף א געמיינעם אופן אנצושטאפען זיינע פאקעטס מיט געלד — זיי מוזען זיי פארטרייבען פון דער אידישער גאס.

עס איז שווידערליך, ווען עס קומט אויס צו הערען, אז פון אזא ביטערען אומגליק, זוכען מענשען רייך צו ווערען, רייך פון די הונדערטער און טויזענדער טראגעדיעס.

* * *

אין ניו יארקער „טאגעבלאט״ באקלאגט זיך א קארעספאנדענט פון ענגלאנד אויף די אנטיסעמיטישע העצעס וועלכע ווערען דארט יעצט פארשפרייט.

„אלס צוגאב צו די העצע פרעסע האבען מיר יעצט אן אפידעמיע פון פאמפלעטס. אנטיסעמיטישע פאמפלעטס וואס קומען ארויס יעדען טאג. די מעהרסטע פון זיי טראגען קיינע נעמען פון די פערפאסער. די אנאנימע שרייבער ווארפען די שולד פון אלע צרות אויף די קעפ פון די אידען. די אידען זיינען שולדיג אין אלץ. די דייטשען אליין זיינען ניט אזוי שלעכט ווען ניט די אידען וואס רייצען זיי צום שמד. דער גרויסער עולם ווערט אויפגעפאדערט אנצופאנגען א קאמפיין געגען די אידען, באקאטירען זייערע ביזנעס און וואו נויטיג געברויכען געגען זיי געוואלד. עס ווערט געפאדערט אז די רעגירונג זאל ערקלערען אלע אידען אהן אויסנאהמע אלס פרעמדע פיינד. אידען זאלען ניט טארען פארנעהמען רעגירונגס שטעלען, אידען זאלען אויס געשלאסען ווערען פון די קריסטליכע געזעלשאפט.

די פאמפלעטס ווערען פערשפרייט צווישען די מאסען און אלע שקרים ווערען געגלויבט אין צייטען פון מלחמה ווען דער עולם איז אויפגערעגט. די פאליס האט ביז אהער קיין זאך ניט געטאן אפ צוהאלטען אז דיעזע פאמפלעטס זאלען ניט פארשפרייט ווערען. די פאליס קוקט און שווייגט, די פערלוימדער ווערען ניט בעשטראפט און ווערען ניט געשטערט אין זייער געפעהרליכע ארבייט.

* * *

געוועזען צייטען, ווען ביי די „גענאסען״ האט מען זיך אויסגעלאכט פון דעם געדאנק וועגען א אידישען קאנגרעס, היינט אבער שרייבט דער ממונה איבער אידישע ענינים אין פארווערטס:

„עס דערנעהענטערט זיך די צייט ווען די צונויפרופונג פון א אידישען קאנגרעס אין אמעריקא און אפשר א קאנגרעס פון אלע אידען פון דער וועלט וועט זיין א נויטווענדיגקייט. מיר ווייסען ניט ווי נאהענט עס איז די צייט ווען אזא קאנגרעס וועט זיין נויטיג אבער זי קומט דאך אלץ נעהענטער צו אונז.

די וואס זיינען געווען געגען דער איינרופונג פון א אידישען קאנגרעס מיט אונגעפעהר אנדערטהאלבען יאהר צוריק זיינען דאן געווען פאלשטענדיג גערעכט מיט זייער געגנערשאפט. ניט עס איז דאן געווען די פאסענדע צייט און ניט וואלט ער דאן געהאט א ווירקונג. מען וואלט שוין דעם אידישען קאנגרעס ביז היינט לאנג פארגעסען, ווי אלע אנדערע מינים קאנגרעסען זיינען פארגעסען געווארען, וועלכע זיינען אבגעהאלטען געווארען מיט צוויי יאהר צוריק אדער זאגאר מיט א יאהר צוריק.

מיר לעבען איצט צו שנעל. די ענטוויקלונגען און די פאסירונגען פון אונזער צייט קומען נאר מיט א קאפ שווינדלערישער געשווינדיגקייט. ניט נאר ענדערען זיך די סיטואציאנען יעדען חודש נאר זיי ענדערען זיך אפט יעדע וואך. עס שיינט אבער אז מיר קומען נעהענטער צום ברעג, און אז די אידישע שטימע וועט זיך דארפען הערען אין דעם קאנצערט פון די שטימען פון אלע פעלקער. וועגען דעם קען קיין מיינונגס פארשיעדענהייטען ניט זיין. עס זיינען פאראן אידישע פאדערונגען און אידישע אינטערעסען, וועלכע דארפען פארמולירט ווערען און געשטעלט ווערען אויף דער טאגעס ארדנונג. פאר דעם צוועק אבער דארפען זיך די אידען אליין צונויפריידען און פריהער ווי אלץ מושוה ווערען צווישען זיך.

„אויב די צייט פאר א אידישען קאנגרעס איז פארלויפיג נאך ניט געקומען, שיינט אבער אז די צייט איז גאנץ נאהענט. אלענפאלס אזוי נאהענט, אז מען זאל וועגען אזא קאנגרעס שוין אנפאנגען רעדען.

* * *

אין די לעצטע שלאכטען אין דער ארגאנער וואלד אין פראנקרייך האט זיך אויסגעצייכענט אן אמעריקאנער באטאליאן וועלכער איז באשטאנען דורכאויס פון אידען — שרייבט דער שיקאגאער „קוריער״ וועגען „אידישער גבורה״.

„מיר גלויבען אז דער איד — אין נוט פאל, — אין מלחמות, רעוואלוציעס, דועלען, און אזוי ווייטער איז ניט נאר אזוי מוטיג ווי דער ניט־איד, זאנדערן נאך פיעל העלדישער און פיעל מוטיגער, ווייל דער איד האט מעהר ווי טאלענט, מעהר לעבענס קראפט ווי דער קריסט. דאס איז ניט קיין פאראדאקס. זאנדערן א נאטור וויסענשאפטליכער פאקט. פאר טויזענדע פון יאהרען האבען די אידען געלעבט אונטער אזעלכע שלעכטע באדינגונגען אז נאר דער שטארקסטער און קרעפטיגסטער האט זיך געקענט ערהאלטען. די שוואכערע זיינען אויסגעשטארבען. עס איז איינגעטרעטען דער פראצעס פון „סורוויוועל אף די פיטעסט״ און די ענערגיע פון דעם אידען האט זיך קאנצענטרירט און קאנסאלידירט. וואס א איד קען אריבערטראגען, קען אפילו קיין טערק ניט אריבערטראגען, ווייל דער איד, ביז היינט דאס געשרודפ'טע פאלק, האט נאטירליך בעוויזען מעהר וויטאליטעט פאר יעדען אנדערען פאלק וואס לעבט אונטער נארמאלע בעדינגונגען.

דערפאר דארף מען זיך גאר ניט וואונדערן צו הערען פון דיזע אידישע גבורות און פון די אונגלויבליכע אידישע העלדענטהאטען אין דיזער מלחמה.

* * *

אין ווילנא איז ערשיענען „דאס לעבען פון מענדעלע מוכר ספרים״ פון ז. רייזען, ספעציעל צוגעפאסט פאר קינדער.

אין מאסקווא האט אנגעהויבען ערשיינען א נייער אידיש רוסישער זשורנאל „נאש מיר״.

ערב שבת ברויזעלאר

געשריבען פון א איד וואס פארזארגט וועכענטליך כלל ישראל און איבערגעכאפט צום דרוק דורך
טוביעס אייניקעל

בעז"ה אור ליום ו' עש"ק לסדר „ואגדלה שמך והיה ברכה״ לפ"ק.

גאט צו דאנקען, פישעל, איבערגעלעבט נאך א וואך. – אמת, מיט א ביסעלע שרעק, קאפ וועהטאג און עטליכע דאלאר צום דאקטאר. אבער לעבען לעבט מען. וועגען געלד, פישעל, זאלסטו קיינמאל ניט זארגען. דאס איז די ערשטע אידישע כפרה. געלד איז פון די קלענסטע זאכען ביי א אידען, אויסער ביי א אידישען דאקטאר. זיי האלטען שטארק פון דעם דאלאר, און מאכען איהם טאקי יעצט אויך. א ברירה האבען זיי, וואס? אז דער עולם קרענקט כסדר, און אלע מיט אמאל. עפעס ווי א כשוף. פאנגט נאר איינעם אן וועה טון דער קאפ. איז גלייך א דאקטאר, יעדען שטעכען די זייטען, שווינדעלט אין די אויגען. זיי אבער די דאקטוירים, שווינדעלט ניט. אט פרוביר גיב זיי א דאלאר, וועסטו זעהען!

הייסט דאס, פישעל, אז היינטיגע וואך האט אמאל פאסירט א שעהנע געשיכטע מיט אונזער אלטען טאטען אברהם. ער האט זיך געקליבען אין וועג אריין, מיטגענומען זיין ווייבעל, זיין טלית און תפילין, און דערזעהען אז זיין ווייבעל איז א שעהנע, האט ער עס איהר פשוט אויסגעזאגט. און זי, דאס ווייב הייסט דאס, אונזער אלטע מאמע, האט איהם געגלויבט און געזאגט, אז זי איז א שוועסטער. ניט מורא האבענדיג טאמער וויל דער אלטער פשוט חתונה האבען מיט אן אנדערער.

וועהסטו, דאס געפעהלט מיר!

ווען איך קען שוין פועל'ן ביי מיינער, זי זאל כאטש א שטיקעל צייט מיך האלטען פאר א ברודער, ניט נעהמען ביי מיר יעדער וואך די פאר גרייצער, ניט פארלאנגען פון מיר צו געהן מיט איהר אין טהעאטער, און מיך לאזען פון דער ווייטענס ווי א ברודער. פישעל, איך וואלט גלייך מנדר געווען א נדר פאר דער ערשטער „פארזאמלונג פון דער ליעג פון נאציאנען״ וועלכע האלט זיך ביים גרינדען. נאר עס איז איינפאך ניטא, ווער עס זאל באצאהלען פאר די ערשטע בריעה.

אט דאס הייסען גרינדערס. מאנאטען לאנג רעדט מען וועגען אזא ארגאניזאציע, שוין זאגאר פאראן קאנדידאטען פאר די עמטער, וועלכע מען בעט איינפאך דאס זיי זאלען איבערנעהמען די ארבייט פון ליעג, און ניטא דער אנפאנגער.

ניטא און פטור אן עסק.

היינטיגע צייטען פישעל איז א מורא צו געהן זוכען. קענסט נאך אריינטרעפען צו דיינעם א סאסייטי ברודער, וועלכער איז שוין קראנק א צייט, און קענסט . . .

אבער צו וואס לעגען שטיינער אויפ'ן הארצען.

פישעל! אונזער טאטענס ברכה געפעהלט מיר. „ואגדלה שמך״, א גרויסער נאמען מעג איך עס טון. א גרויסער נאמען איז אפטמאל א שטיק היסטאריע פאר א גרויסען נאמען פאלען מענשען ווי פליגען. אלע יאגען זיך נאך א נאמען, א גרויסען נאמען. וואס גרעסער דער נאמען, מעהר קענסטו באגעהן עולות, זינד שטעכען, רויבען, שינדען די הויט.

א גרויסער נאמען איז אפט מאל ווי אן עפילאג צו א גוט ווערק, ווען ניט דער עפילאג איז עס קיין קונסט ניט. דער נאמען איז דער צודעק צו אלעמען. אפט מאל דינט דער צודעק צו עטוואס ניט כשר'ס אויך.

אט פישעל, איז די גאנצע בלוט באד בלויז צוליעב א נאמען. באשר בכן, זיי די גרויסע לייט טענה'ן אז דער נאמען „שלום״, דער אמת'ער שלום איז נאך ניט געבוירען געווארען. די אלע שלום'ס זיינען בלויז גולם'ס אויסגעטראכטע, און דערפאר שלאגט מען, מען ברענט, מען שיסט, מען טרינקט, אבי דער נאמען.

און אט פישעל האט א איד געזאמעלט געלד פאר די מלחמה קרבנות; און געוואלט זעהען געדרוקט זיין נאמען, אז ער דער גרויסער. מאן האט רחמנות געבאך, אויף יענע הונגעריגע יתומים, וועלכע שמאכטען שוין פיער יאהר. מיט א שטאלצען קאפ איז ער ארום געלאפען צו זיינע בעקאנטע דערצעהלען זיי די בשורה אז ער — ער — — זיין נאמען, מארגען — אין צייטונג — ער — וועט זיי ווייזען.

דורך א טעות אבער איז דער נאמען פארביטען געווארען. נו, פישעל, ווייסט וואס ער האט געטון ?

מיין געלד וויל איך צוריק.. סם וועל איך זיי געבען, די מלחמה קרבנות, פאסטען זאלען זיי. קראנק זיינען זיי צו ארבייטען. געזעהען א געשיכטע די שנארערס, געלד מאך פאר זיי, זיי שעהמען זיך דאך מיט מיר. זיי ווילען דאך מיין נאמען ניט דערמאהנען.

אזוי שרייט ער דער זאמלער, און מאכט קולות כדבעי.

נו! פישעל!

גיב א קוק אויף די ציוניסטען, די הדסה און דער רויטער מגן דוד, וואס טוט זיך דארט צוליעב דעם נאמען, אז מר. בראנדעס האט פשוט געפונען פאר נויטיג צו מאכען א גוואלד, אז אזוי ווי דער רויטער מגן דוד וויל ניט דעם נאמען ציון אריינשטעלען אין מגן דוד איז ארויס מיט דער ארבייט, זאלען די לעגיאנערען געבען זייער לעבען פאר אונז, זייערע ליבסטע לאזען הפקר. מיר פאר זיי וועלען ניט זארגען ביז — — ביז דער נאמען. דער נאמען.

און באקומט מען שוין אמאל א נאמען איז דאמאלס אויך צרות. אזא שטיינער ווי הינדענבורג און לודענדארף דאכט זיך צוויי נעמען, וועגען וועלכע מען האט קיין מיטעל ניט געקענט געפינען. וואלט זשעניעס. יעצט פישעל, האבען זיי א פנים ווי די דאקטוירים וועלען האבען נאך דער אינפלוענציע.

איך האלט פישעל, עס וואלטען געבליבען העלדען הינדענבורג און לודענדארף. ווען זיי דערלאנגען זיך א מאשין ביקס אין קאפ אריין, ביי וועלען נעהמען פאריז.

אז מענשען האבען קיין שכל ניט, ווארטען ביז זיי ווערען אויסגעשפיעלט און מאכען ניט זעלבסט אן ענדע צו זייער לעבען.

אט פישעל! פארגלוסט זיך גאר אונזער רויטען רעדאקטאר מכבד צו זיין דעם מאנטרעאלער גוי קאהאן מיט א אידישען נאמען. א אידישער נאמען וועט זיך איהם בעסער פאסען, וועט איהם מאכען פאר א מארטירער איז אומר ועושה. אהן מילה, אהן אן עליה, אהן מקוה, נעהמט ער מיט אידישע אותיות איז איהם מכבד מיט א אידישען נאמען און נעה שיק איהם די אינפלוענציע. וואס א רויטער קען.

איא, — אזוי איז עס. א נאמען איז דאס ווירקזאמסטע מיטעל צו אלעס, אבער, מען דארף וויסען ווי אזוי.

די יעצטיגע קרענק איז אויך ניט מעהר ווי בלויז דער נאמען. עס איז איינפאך נמאס געווארען דעם מלאך המות, צו האבען צו טון עטליכע יאהר מיט פארבלוטיגטע טויטע, צוריסענע מענשען. האט ער אויסגעפונען א נייעם נאמען — אינפלוענציע. טויטעט גאנצער הייט, ווען ניט דער נאמען איז עס א גאנץ געוועהנליכע קראנקהייט אויף וועלכער מען דארף אויפפאסען.

האב זשע מיר א פרעהליכען שבת און היט דיין נאמען מען זאל איהם חס ושלום ניט אריינשלעפען צווישען די טויטע, ביז קומענדען פרייטאג. דאמאלס בלייבט מיין טאלאנט א פארלוירענער, און מיין קעשענע אהן „פעי״.

דיין צאצקעל.

עיקר שכחתי. עס פרעהט מיך צו הערען אז דיין בני בית, מיט דיין שוויגער זיינען ברוך השם געזונד. א געזונטע שוויגער אין הויז איז היינטיגע צייטען פונקט אזוי גוט ווי א „וויקטארי באנד״ ביידע טראגען יעצט די ווערט פון'ם פראצענט מיט'ן קרן.

גוטע צייטען זיך דערווארט ! האָ?

וואס צו טאן איידער דער דאקטאר קומט

פערשידענע וואונדען און וואס צו טאן פאר זיי. וואס איז א בייל? וואס צו טאן פאר דעם. א „בלויע" אדער א „שווארצע" אויג און וואס צו טאן פאר דעם. אינערליכע וואונדען.

פון דר. ב. דובאווסקי.

פערשידענע וואונדען און וואס צו טאן פאר זיי.

ווען אירגענד וועלכע טייל פון אונזער קערפער ווערט בעשעדיגט, רופען מיר די בעשעדיגונג א וואונד. עס זיינען דא פערשידענע סארטען וואונדען, וועלכע דארפען בעהאנדעלט ווערען אויף פערשידענע אפנים, און איידער מיר טרעטען צו צו די בעהאנדלונג פון וואונדען איז ראטזאם זיך פריהער צו בעקענען מיט דעם כאראקטער פון די פערשידענע וואונדען צו וועלכע אונזער קערפער איז אויסגעזעצט און וואס פאר א בעדייטונג זיי האבען פאר'ן קערפער.

א בייל.

די איינפאכסטע וואונד איז א בייל. ווען איינער קריגט א קלאפ מיט דער האנד אדער מיט א טעמפען אינסטרומענט לויפט אויף אויפ'ן פלאץ פונ'ם קלאפ א בייל. די הויט איבער דיעזען פלאץ איז גאנץ; אבער הינטער דער הויט שיינט עס דאס עטוואס איז בעשעדיגט געווארען. צוערשט פיהלט מען א וועהטאג אויפ'ן ארט פון קערפער, וואו מען האט דעם קלאפ געקראגען, נאכהער לויפט אויף א געשווילעכץ. די הויט איבער דער געשווילעכץ איז הייס און רויט. עטוואס שפעטער ענדערט זיך דער קאליר און די הויט ווערט בלוי, שווארץ, געל און גרין.

די היץ און די ערשטע רויטקייט אויף דעם געשוואלענעם פלאץ ווערט פעראורזאכט פון אן ענטצינדונג וואס טרעט אריין אויף דעם פלאץ וואו ערד קלאפ איז געפאלען. די פערשידענע קאלירען וואס מען זעהט שפעטער אין א בייל ווערען פעראורזאכט פונ'ם בלוט וואס שטראמט ארויס הינטער דער הויט.

דורך דעם קלאפ וואס פעראורזאכט די בייל פלאצען מאנכע בלוט רעהרען הינטער דער הויט. אויב עס פלאצען בלויז איינינע, גאנץ קליינינקע בלוט רעהרען (קאפילערים) שטראמט ארויס ווייניג בלוט הינטער דער הויט און די בלוי־שווארץ־געל־גרינע קאלירען בעווייזען זיך אין גאנצען ניט, אדער אין א זעהר שוואכער פארמע. מאנכעס מאל אבער איז דער קלאפ אזוי שטארק דאס אבוואהל די הויט פלאצט ניט, פלאצען אבער מאנכע גרעסערע בלוט רעהרען וואס געפינען זיך טיעף הינטער דער הויט און פעראורזאכען אן אויספלוס פון פיעל בלוט. דיעזע אנזאמלונג פון בלוט הינטער דער הויט קען אמאל פיהרען דערצו דאס עס זאל אינפעקטעט ווערען פון מיקראבען און עס זאל פעראורזאכען א געשוויר פול מיט מאטעריא.

אין מאנכע פעלע בעווייזען זיך די קאליהען הינטער א בייל, באלד ווי מען קריגט דעם קלאפ. אין אנדערע פעלע קומט דאס ערשט אין שטונדען אדער זא גאר אין איינינע טעג ארום נאכ'ן קלאפ. אין אזא פאל געפינען זיך די געפלאצטע בלוט רעהרען טיעף הינטער דער הויט. אויב די בייל איז אויף א האנד אדער א פוס איז אפטמאל דער וועהטאג אזוי גרויס, דאס מען קען פאר א קורצע צייט ניט געברויכען די האנד אדער פוס.

וואס צו טאן פאר א בייל.

א לייכטע בייל נויטיגט זיך ניט אין קיין בעהאנדלונג. פאר אן ערנסטע בייל איז נויטיג רוה, אויפהויבען דעם פערוואונדעטען פלאץ און קאלטע אדער הייסע קאמפרעסען. גלייך ווי מען קריגט דעם קלאפ זיינען קאלטע קאמפרעסען העכסט נוצליך. קאמפרעסען פון „גאוז" (מערליע) איינגעטונקען אין א גלאז וואסער אין וועלכע מען לעזט אויף א טיי לעפעלע „אלום אסעטאט" (לאקוואר בוראווע) העלפט צו פערקלענערן די געשווילעכץ. פאר אלטע לייט, אדער ווען דער פלאץ איז שטארק בעשעדיגט דארף מען צולעגען הייסע קאמפרעסען אנשטאט קאלטע, ווייל אין אזעלכע פעלע האבען די בעשעדיגטע צעלען זעהר וועניג לעבענס קראפט און די קעלט קען זיי אין גאנצען הרג'ענען.

די קאלטע קאמפרעסען זיינען נוצליך נור אין אנפאנג, באלד ווי מען קריגט דעם בייל. אין צוויי, דריי טעג ארום ווערען די קאלטע קאמפרעסען שעדליך אנשטאט נוצליך, און אנשטאט קאלטע קאמפרעסען דארף מען צולעגען הייסע.

אויסער די קאמפרעסען דארף מען אויך זעהען דאס די פערוואונדעטע טייל פון קערפער זאל האבען פאלשטענדיגע רוה. אן עטוואס שטייפער באנדאזש אדער אין מאנכע פעלע א „ספלינט" (ברעטלעך מיט וועלכע מען בינדט איין צובראכענע ביינער) איז נויטיג צו פערזיכערן רוה פאר דעם פערוואונדעטען פלאץ אין קערפער.

עס איז אויך נויטיג צו האלטען עטוואס אונטערגעהויבען די פערוואונדעטע טייל פון קערפער, ספעציעל אינ'ם פאל פון א האנד אדער א פוס. דאס פערקלענערט דעם דראנג פון בלוט צום פערוואונדעטען פלאץ און פערקלענערט דערמיט די שמערצען.

ווען די ענטציגדונג גיהט פאראיבער, דארף מען אויף א לייכטען אופן מאסאזשירען דעם פערוואונדעטען פלאץ אום דאס בלוט וואס האט ארויסגעשטראמט הינטער דער הויט זאל וואס שנעלער צוריק איינגעזאפט ווערען. אין מאנכע פעלע איז ראטזאם צוצולעגען פאר א קורצע צייט א זאלב פון איקטיאל, מיזוראל אדער עהנליכע דראגס. אבער דאס דארף געטאן ווערען פון א דאקטאר.

אין פאל עס האט זיך אנגעזאמעלט פיעל בלוט הינטער דער הויט און די געשוויר איז געווארען אנגעשטעקט מיט מיקראבען, מוז מען זי גלייך אויפשניידען אום ארויסצולאזען די מאטעריא. מאכע מענשען ווארטען ביז די וואונד עפענט זיך אליין. דאס איז ניט ראטזאם צו טאן, ווייל דער צייכען וואס בלייבט דאן נאך דער פערהיילטער וואונד איז פיעל גרעסער און מעהר אנזיכטיג ווי דער צייכען פון א מעסער שניט. אייסער דעם, וואס לענגער מען ערלויבט די מאטעריא צו בלייבען אין קערפער, אלץ מעהר שאדען פעראורזאכט זי.

א „בלויע אויג"

א „בלויע אויג", אדער א „שווארצע אויג" (א בלעק איי) ווי מען רופט דאס אין דער ענגלישער שפראך, איז ניט מעהר ווי א בייל אויף די אויגען דעקלאך.

א „בלויע אויג" ווערט פעראורזאכט פון א קלאפ, פונקט ווי א בייל ווערט פעראורזאכט אויף אירגענד וועלכען אנדער טייל פון קערפער. די געשווילעכץ פון די אויגען דעקלאך איז די בייל וואס לויפט אויף נאך א קלאפ, ווען די הויט פלאצט ניט, און די בלוי־שווארץ־גרינע קאלירען קומען דערפון וואס בלוט שטראמט ארויס פון געפלאצטע בלוט רעהרען הינטער דער הויט. א בלויע אויג איז פיעל ערנסטער ווי א בייל אויף אירגענד אן אנדער טייל פון קערפער.

באלד ווי מען קריגט דעם קלאפ אין אויג, קען מען נאך אין פיעלע פעלע פערהיטען דאס עס זאל זיך ניט ענטוויקלען א בלויע אויג. דאס קען געטאן ווערען דורך צולעגען קאלטע קאמפרעסען אזוי שנעל ווי מעגליך. די קאמפרעסען דארפען בעשטעהן פון שטיקלעך לייווענד, איינגעטונקען אין קאלטע באריק עסיד וואסער. (ארום פינף טיי לעפעלאך באריק עסיד וואסער צו א פיינט וואסער). אן אנדער פארמע פון קאלטע קאמפרעסען איז ווי פאלגט. לעגט ארויף איינינע שטיקלאך לייווענד אויף אייז. ווען די לייווענד ווערט שטארק קאלט, לעגט דאס צו צום אויג. אין א פינף אדער צעהן מינוטען צייט ווערט דאס שטיקעל לייווענד ווארעם, לעגט דאס צוריק אויפ'ן אייז און לעגט צו צום אויג א צווייטעס שטיקעל לייווענד וואס איהר האט גוט וואס ארונטערגענומען פונ'ם אייז. פון צייט צו צייט וואשט אויס דאס אויג מיט באריק עסיד וואסער.

אזעלכע קאמפרעסען וועלען אין מאנכע פעלע פערהיטען דאס די געשווילעכץ זאל זיך ניט ענטוויקלען. זיי וועלען פערקלענערן די געשווילעכץ אין פאל דאס אויג איז שוין געשוואלען און עס וועט פערקלענערן דעם קאליר פראצעס פון אויג, דורך פערקלענערן דאס בלוטען הינטער דער הויט.

ווען די בלוי־שווארץ־געל־גרינע קאלירען האבען זיך שוין בעוויזען, איז זיי שווער צו אונטערדריקען. מאנכע מענשען פארבען די הויט מיט א הויט קאליר פארב. דאס פארשטעלט די קאלירען ביז זיי פערשווינדען. לייכטע מאסאזש און ווארעמע קאמפרעסען, נאכדעם ווי די ענטציגדונג איז פאראיבער העלפט אז דאס אויסגעשטראמטע בלוט זאל וואס שנעלער אנגעזאפט ווערען און די קאלירען זאלען פערשווינדען.

א קלאפ איפ'ן ברוסט קאסטען

אויב דער קלאפ איז נור שטארק גענוג, קען ער פיהרען צו „שאק". עס קען אויך פיהרען דערצו דאס איינע אדער איינינע ריפען זאלען איבערגעבראכען ווערען. אויב דער פערזאן, וועלכער האט געקראגען דעם קלאפ ליידעט שטארקע, שטעכעדיגע שמערצען ביים אטהעמען, אדער אויב ער שפייט מיט בלוט איז עס א סמן, דאס זיינע ריפען זיינען בעשעדיגט. וואס עס איז נויטיג איז צו איינציהען דעם ברוסט קאסטען איבער די צובראכענע ריפען, אזוי, דאס דער ברוסט קאסטען זאל זיך ניט קענען בעוועגען, ביז די צובראכענע ריפען וועלען צוזאמענוואקסען ווערען.

אויב דער פערוואונדעטער ליידעט פון „שאק", דארף ער בעהאנדעלט ווערען ווי מיר האבען ערקלעהרט אין קאפיטעל וועגען שאק.

א קלאפ אין בויך, פיהרט אפט צו ערנסטע אינערליכע וואונדען, אבוואהל די הויט פון בויך בלייבט גאנץ. אויב אזעלכע וואונדען עקזיסטירען און ווערען ניט ענטדעקט בעצייטענס איז די לאגע פונ'ם פערוואונדעטען א זעהר קריטישע. דער מאגען, די קישקעס, דער אורין זאק קענען פלאצען, און אן אפעראציאן איז נויטיג וואס שנעלער. ערנסטע בויך וואונדען פעראורזאכען געוועהנליך שאק.

עס איז דארום העכסט וויכטיג, דאס ווען איינער קריגט א שטארקען קלאפ אין בויך, אדער ער ווערט איבערגעפאהרען, אפילו ווען עס זעהט זיך ניט קיין שום וואונד אויף דער הויט פון בויך, דארף ער גלייך זארגפעלטיג אונטערזוכט ווערען פון א דאקטאר, אום צו זיין זיכער דאס ער האט ניט געקראגען אן אינערליכע וואונד.

פונקט אזוי פארזיכטיג דארף מען זיין אין פאל מען קריגט א שטארקען קלאפ אין רוקען. אין דיעזען פאל בעשטעהט די געפאהר אין בעשעדיגען איינעם פון די רוקען ביינער און דורך דעם בעשעדיגען די נערוען וואס ציהען זיך פון רוקען [illegible]

די מאדאם

(ערצעהלונג)

פון יונה ראזענפעלד.

נאכ'ן עסען, אז די מאדאם איז אוועק געגאנגען, איז פערעל, דאס דיענסט מיידעל געלאפען אין שטוב אריין, האט האסטיג געעפענט די קליידער שאפע ארויסגעכאפט דער בעל הבית'טעס קלייד, אנגעטהאן זיך און געלאפען צום שפיגעל א קוק טהאן, ווי זעהט זי אויס. זי געפעלט זיך און כאפט נאך אויף זיך דער מאדאם'ס בלוזע. ווי עהנליך זי איז צו דער מאדאם! ביידע האבען שווארצע אויגען. די מאדאם האט אבער גרויסע און זי — קליינע. לויפענדיג שטעלט זי גרויסע אויגען אויס, און בלאזט נאך אן די באקען... נאך איינס פעהלט, די איז דיקער (א שפאס, וואס זי פרעסט און זויפט ביי לעדיג געהן) כאפט זי אן אלטע בלוזע, שטופט ארונטער דער נייער און בעקומט א „בוזעם", פונקט ווי די מאדאם. אהא! א שטיקעל פון דער מאדאם'ס צאפ ליעגט אויף דער קאנסאלע — עס קומט צוניץ... נאך א בליק געכאפט אין שפיגעל און לויפט אין עס צימער אריין. אין דארטען פערלעגט זיי די הענד ארונטער, שטעלט ארויס דעם בוזעם און הויבט אן ארומשפאנען מיט דער מאדאם'ס טריט און אזוי צו ביסלעך איז זי אין דער ראלע אריין.

ענדליך זעצט זי זיך בריים צום טיש שטעלט אן די אויגען אויף דער קיכטיר, שטעלט זיך אויף, דריקט דאס קנעפעל פון עלעקטרישען גלעקעל, וואס איז געהאנגען איבערן טיש אין לאמפ. אנגעדרעהט, ווארט א ווייַלע און זאגט:

— פעריל, גיב עסען! זי זעצט זיך צוריק מיט א געמאכט ברוגז פנים און קוקט זיך איין אין טישטוך. גלייך עס שטעהט פאר איהר א טעלער מיט א קאטליעט און מעסער און גאפעל, נאר זאלץ פעהלט... (אן דעם פערגעסט זי זעהר אפט). האט זי באלד דערביי געשריען:

— און זאלץ ווייעדער פארגעסען?

מאלט זי זיך, אז די דיענסט טראגט שוין איהר צו זאלץ, און שוועבט עטליכע מאהל קיילעכדיג מיט דער האנד, גיך מאכענדיג מיט די פינגער, זאלצענדיג דעם קאטליעט.

זי טעהמט זיך צום עסען און, עסענדיג, פארקלעהרט זי זיך — וואס נאך עפעס זאגען דער דיענסט?

— הערסט, פערעל, דאס עסען האט קיין אידישען טעם ניט — זאגט זי אויף גיך אב, ניט אויפהויבענדיג די אויגען און עס דאכט זיך איהר, אז איהר שטימע איז עהנליך אויף א האר צו דער מאדאם'ס אבגעגעסען, רוקט זי אב דעם טעלער, שפארט זיך אן אויפ'ן אנלעהנען פונ'ם שטוהל, שטעלט ארויס דעם בוזעם און ווישט זיך מיט א קלארע סאלפעטע דאס מויל און פרעגט, אויסדרעהענדיג דעם קאפ צום בענקעל, וואו דער הערר זיצט:

— זנאטשיט, מי... געהען מיר היינט אין טהעאטער? זאג זשע איהר אז זי זאל ניט אוועק געהן פון שטוב...

זי קלינגט און רופט אין קיך אריין:

— הערסט! מיר געהען היינט אין טהעאטער... אין א לאזשע. זאלסט זיך ניט דערוועגען צו ריהרען פון שטוב.

מיט אמאל דערהערט זיך א קלונג. זי גיט א שפרונג אויף, בלייבט שטעהן ווי א געלעהמטע, און דאס הארץ הויבט אן ווילד צו טאנצען. די מאדאם, אין שווארצען מיט די גרויסע שווארצע, בייזע אויגען און מיט א הויכער הוט, שטעלט זיך איהר ווי לעבעדיג פאר די אויגען. נאך א קלונג און זי, פארציטערט, לויפט עפענען, אבשפילענדיג אויפ'ן וועג עטליכע העקעלאך פון דער בלוזע.

— קטא טאם? פרעגט זי ציטערענדיג ביי דער טיהר. פון יענער זייט טיהר פרעגט צוריק א פרעמדע מענער שטימע. הערר מעכליצקי איז דא? — זי אטהעמט לייכט אב און עפענט.

— הערר מעכליצקי איז דא? — פרעגט נאכאמאל דער פרעמדער איפ'ן פאדער הויז.

— ניין, — מיינט ער ניט, אז איך בין מאדאם מעכליצקי? גיט זיך איהר א טראכט.

— און מאדאם מעכליצקי? —

— די מאדאם, איך ווייס?... די מאדאם. וואס דארפט איהר די מאדאם? — האט זי אנגעהויבען פלוטען. עס ווילט זיך איהר זאגען: איך בין עס נאר די צונג פאלגט ניט.

— איך דארף זי האבען.

זי איז ניטא . . . האט זי האלב בעליידיגט געענטפערט.

ווען דער פרעמדער איז ארויסגעגאנגען; איז זי מיט א שפרונג צוריק אריין אין עס שטוב און א שמייכעל געגעבען פון זיך אליין: ס'א בולוואן איך בין! זי איז נאך ערשט אוועק געגאנגען — אבי איך האב מיר דערשראקען!

זי האט זיך ווידער אוועקגעזעצט ביים טיש, זיך אונטער געשפארט מיט די האנד די באק, אזוי ווי די מאדאם טהוט און איהר האט זיך מיט אמאל אויסגעוויזען אז זי איז אין גאנצען געראטען אין דער מאדאם [illegible] פערטראכט עפעס צוקלעהרען, אזוי ווי די מאדאם, דאס האט זי ניט געקענט דערפאר וואס זי ווייסט ניט דער מאדאם'ס געדאנקען. אבער וואס זשע פארט קלעהרט זי? וועגען דער דיענסט אודאי... ,אזא מכה זאל זיך איהר זעצען ווי זי גנבה'ט טהעע. צוקער... אלץ... וואס דען?... ווי לאנג האב איך גענומען 10 פונט צוקער? און טהעע? בדיל הדל שטעלט זי מיך... א בראך נאך איהר...

זי איז אויפגעשטאנען אריינגעגאנגען אין קיך מיט דעם געדאנק צו זאגען פערלען, נאך וואס זי גנבעט צוקער און טהעע נאר דערזעהענדיג דאס ניט איבערגעוואשענע געפעס, האט זי אן די גנבות פארגעסען:

— נאך שטעהט דאס געפעס ניט איבערגעוואשען!

און נאך א מינוט טראכטען:

— פערעל, וועסט מיר אבפוצען די שיך!

— און וואלסט זיך שוין געמעגט מטריח זיין, אבריבען דעם סאמאוואר...

זי האט זיך אומגעקוקט געזוכט עפעס נאך צו זאגען, נאר זי האט שוין ניט געהאט וואס, און איז לאנגזאם, פונקט ווי די מאדאם, ארויסגעגאנגען פון קיך צום שפיגעל און נאך אמאל זיך בעטראכט, זיך ארומדרעהענדיג און כאפענדיג א קוק אויף איין זייט, אויף דער צווייטער, און אזוי קוקענדיג און דרעהענדיג זיך האט זי זיך דערמאהנט, אז נאך פודער פעהלט איהר. מיט א [illegible]

און מיט'ן בערשטעלע וואס איז אינוועניג געלעגען האט זי אנגעהויבען טאנצען פון איין באק אויף דער צווייטער, א שפרונג צום שטערען און אראב צו דער נאמבע. דאס פנים איז שוין פערווייסט און די שווארצע אייגעלאך — נאך שווארצער געווארען. זי האט זיך דערשראקען, און געשווינד אבגעווישט מיט דיהענד דעם פערשיטען פודער פון קאנסאלע.

זי האט זיך פארקלעהרט וואס נאך אזעלכעס קען זי טהאן, זי זאל זיין אין גאנצען געראטען אין דער מאדאם. זי האט זיך אנגעהויבען ארומקוקען אויפ'ן פאל, אויף די ווענד, אויפ'ן סופית. און צולעצט איז איהר קוק געפאלען אויף עטליכע פודלען, וואס זענען געשטאנען אויף דער שאפע. זי האט זיך דערפרעהט און איילענדיג אראבגעכאפט איינע פון זיי. ארויסגעשלעפט א הוט מיט שווארצע שטעהענדיגע פעדערען, ארויפגעזעצט זיך אויפ'ן קאפ און אנגעשפיגעלט זיך. וואס נאך? צירונג פעהלט... זי האט ניט ווילענדיג דערזעהען דער מאדאם'ס זייגערל — זי האט עס פארגעסען! זי איז צוגעשפרונגען דערצו און וויל ווארפען דאס לאנגע קייטעלע איבערן האלז, די הוט שטערט איהר. זי האט זי אראבגענומען אנגעטהאן דאס קייטעלע און אריינגעלעגט דאס זייגערל אין בוזעם.

א לאנגע צייט איז זי געשטאנען געגען שפיגעל און געפאהרען מיט דער האנד איבערן קייטעלע אהין און צוריק, ארויסגעשלעפט אלע מאל דאס זייגערל [illegible]

(פארזעצונג אויף זייט 8)

YOLLE'S
HIGH CLASS FURNITURE

אונזער סטאר איז פאלשטענדיג דיזינפעקטירט און קופט

דער ווינטער קומט אן

פארזארגט אייך מיט א גוטען סטאוו פאר ווינטער

ווארט נישט ביז די פרעסט וועלען זיין און איהר וועט דארפען ווארטען ביז מען וועט אייך קענען דעליווערען דעם סטאוו. קויפט איצט און שפארט געלד אויב איהר ווילט עס זאל אייך זיין ווארעם ווינטער

קיר־בען אוווען אין פול ניקעל פיניש, טייל בעק מענטעל מיט א פראכטפאלען שפיגעל טאפ.

דיעזער אוווען איז דער בעסטער היוצער, בעקער און קאכער וואס איז ווען געמאכט געווארען. מיר האבען די אויסשליסליכע אידזשענסי פאר טאראנטא פאר דיעזע גוטע אוווענס.



קאמפליט מיט א מענטעל פונקט ווי דער קאט $85.00, $15.00 איינצאהלען און $1.50 א וואך צאהלען. יעדער אוווען גאראנטירט.

מיר האבען דייינינג רום סעטס און פארלאר סעטס

נאך דער נייעסטער מאדע און מיר פארקויפען ביליגער ווי יעמאנד וועלכע פוירניטשור סטאר אין טאראנטא. קומט איבערצייגט אייך.

וואס טוט איהר מיט אייערע וויקטארי באנדס

פארגעסט ניט דאס מיר נעהמען אן אייערע וויקטארי באנדס, און מיר געבען אייך די פולע ווערט פאר זיי. איהר דארפט ניט פארלירען קיין דיסקאונט

ל. יאלאס

379-81 קווין וועסט
טעל. עד. 437

Be farsighted

Windsor Table Salt
Made in Canada
THE CANADIAN SALT CO. LIMITED 219



דאס איז די אינסטיטוציע וועלכע איז געבויט
געווארען פאר אייער באקוועמליכקייט

א פראכטפאלער פלאץ אין וועלכען עס איז א
פארגעניגען אריינצוגעהן

א פלאץ וואו איהר קענט אפשפארען יעדען צענט וואס איהר זאלט האבען איבעריג

א פלאץ וועלכער איז געבויט פון א אידען פאר אידען

מיט אזא קליינער סומע ווי איין דאלאר ווערט איהר א דעפאזיטאר
אין סייווינג דעפארטמענט. איהר פארנעהמט א פלאץ אין דער
דאזיגער געבוידע

שטארק און זיכער ווי די בערג פון גיבראלטאר איז דער סייווינג דעפארטמענט פון מר.

הערי ווינבערג

BANKER

אפיס 251-53 קווין סטריט וועסט
אפען פון 9 פריה ביז 7 אווענט
טעל. ערדלייר 3967

ניקאלאי דער ערשטער און ר׳ ישראל ריזשינער ז״ל

(פון די יודישע לעגענדעס)

פון ש. א—נסקי.

ר׳ ישראל ריזשינער זכותו יגן עלינו האט מגלה געווען אז ער איז געבוירען געווארען אין דעם זעלבען טאג וואס להבדיל דער קייזער ניקאלאי דער ערשטער. נאר מיט דריי שעה שפעטער פון איהם. זייערע ביידענס נשמות האבען געשטאמט פון צוויי יסודות וועלכע זיינען געווען צווישען זיך ווי פייער מיט וואסער. דארום האבען זיי דאס גאנצע לעבען מלחמה געהאלטען מיט איינאנדער. ניקאלאי האט רודף געווען דעם ריזשינער עד חרמה. האט איהם פיעל מאהל געזעצט אין תפיסה און ניט געלאזען רוהען אפילו דענסמאל ווען ער איז אריבער די גרענעץ און בעזעצט זיך אין סאנדיגורע.

מען דערצעהלט אז ניקאלאים מקורבים האבען איהם אמאל געפרעגט:

— וואס ביסטו איהם אזוי רודף? פאסט דאס דען פאר דיין גרויסקייט און מעכטיגקייט צו יאגען זיך דאס גאנצע לעבען נאך איין אורליק?

ניקאלאי איז אויפגעשפרונגען פון ארט און אויסגעשריגען מיט כעס:

— וואס זאגט איהר מיר „א ידליק״? דאס גאנצע לעבען בוי איך די וועלט אין איין זייט, ער אין דער אנדער זייט. און איך קען איהם ניט מנצח זיין.

און להבדיל ר׳ ישראל ריזשינער פלעגט זאגען:

דאס גאנצע לעבען יאג איך זיך נאך איהם און קאן איהם ניט אניאגען! וואלט איך געבוירען געווארען לכל הפחות מיט א פערטעל שעה פריהער פאר איהם וואלט איך איהם גובר געווען.

און אז עס איז געקומען די צייט, דער ריזשינער זאל נתגלה ווערען, האט ער א זאג געטהון:

— אדער איך אדער ער.

און בשום אופן ניט געוואלט אנטון די ווייסע זופיצע כל זמן ניקאלאי וועט זיצען על כסא המלוכה.

איז געווארען א גרויסער רעש אין די אויבערשטע היכלים און עס איז שוין כמעט געבליבען פאר דער צייט אראבצוזעצען ניקאלאיען פון דער מלוכה.

נאר דא האט זיך אריינגעמישט ניקאלאים שר של מעלה און האט אנגעהויבען טענה׳ן.

— וואס איז דאס? לית דין ולית דיין? וואלטען די ביידע ערשט געראפט ארויף על כסא המלוכה, וואלט מען געקאנט אויסוועהלען איינעם פון זיי, אבער וויבאלד דער מלך ניקאלאי ירום הודו זיצט שוין על כסא המלוכה קאן קיין רייד ניט זיין דערפון אז מען זאל איהם אראבווארפען.

איז אין בית דין של מעלה געבליבען אז ניקאלאי דארף בלייבען אויף זיין ארט און דער ריזשינער מוז זיך מבטל זיין דעם בעפעהל פון די הויכע היכלים און מוז נתגלה ווערען. נאר כדי איהם מפייס זיין, האט מען איהם ארומגעפיהרט איבער די היכלים של מעלה און געגעבען איהם רשות צו נעהמען דארט, וואס איהם וועט געפעלען. און אז ער איז דורכגעגאנגען דעם היכל הנגינה, האט ער דארט גענומען דעם שעהנסטען נגון וואס די מלאכים זאגען שירה פאר דעם כסא הכבוד, און דעם געזאנג האט ער נאכדעם געזונגען ביי זיך ביים טיש און פון דעם האט זיך גענומען דעם ריזשינערס נגון!

די אמת׳ע כונה פונ׳ם ,,דיסטריקט פלאן״

פון מרדכי דאנציס.

* די פיהרער און פארטיי - לייטע פון דער אמעריקאנער ציוניסטישער בעוועגונג האבען אויף דער לעצטער ציוניסטישער קאנווענשאן אין פיטסבורג געמאכט אזוי צו זאגען בנוגע צו דער ווייטערער ארבייט פון דער פארטיי, וועלכע זיינען פון דער גרעסטער וויכטיגקייט פאר די ענטוויקלונג פון אמעריקאנער ציוניזם.

דער ערשטער צוג איז געווען די ,,פיטסבורגער פראקלאמאציע״ וועגען דער איינארדנונג פון אידענשטאאט, וועלכע האט געמאכט אזא טיעפען רושם אויף דער גאנצער אידישער וועלט און דער צווייטער — דער בעשלוס צו רעארגאניזירען די פארטיי, לויט דעם ,,דיסטריקט פלאן״, וועלכער ווערט איצט פון דער פארטיי - לייטונג מיט אזוי פיעל ענערגיע דורכגעפיהרט.

ביידע ,,צוגען״, וועלכע די ציוניסטישע פיהרער האבען געמאכט אויף דער לעצטער ציוניסטישער קאנווענשאן אין פיטסבורג, זענען געווען א דירעקטער רעזולטאט פון דער היסטארישער ענגלישער דעקלאראציע, און אבוואהל די פראקלאמאציע וועגען דער איינארדנונג פון אידענשטאאט האט בלויז אן אגיטאציאנס-ווערט און טראגט דעם כאראקטער פון ,,צוקונפטס - מוזיק״ ווערענד די רעארגאניזירונג פון דער פארטיי איז אן אקט פאר דער געגענווארט, האבען זיי דאך אבער צווישען זיך א טיעפען לאגישען צוזאמענהאנג.

און וואס בעשטעהט אבער דער גרויסער אויפטאן פון דער פארטיי - פיהרער מיט דער פראקלאמאציע וועגען דער איינארדנונג פון אידענשטאאט און מיט דער רעארגאניזירונג פון דער פארטיי.

וועגען דעם קען מען זיך נור דאמאלס מאכען א קלארען בעגריף ווען מען בעטראכט די ציוניסטישע בעוועגונג אין ליכט פון די גרויסע געשעהענישען, וואס זיינען פארגעקומען אין ציוניזם אין פערלויף פון לעצטען יאהר.

ווען די ענגלישע דעקלאראציע האט דורכגעריסען ווי א בליץ די האלב - חרוב אידישע וועלט און אין איין שעהנעם פריהמארגען זענען אונזערע טויזענדער - יאהריגע האפנונגען, בענקענישען און חלומות פארוואנדעלט געווארען אין לעבעדיגער, ממשות׳דיגער ווירקליכקייט, האבען אונזערע ראדיקאלען פון אינוועניג און פון דרויסען אנגעהויבען צוציהען מיט אמאל אין די ווארנונגס - גלאקען און שרייען: ציוניסטען עליך ישראל!

און זיי האבען גע׳טענה׳ט:

,,מילא אזוי לאנג ווי דער ציוניזם איז געווען א חלום פון ראמאנטיקער און דער אידענשטאאט איז געלעגען בלויז געבונדען אין טאוולען, האבען מיר זיך זעהר ווענינ געקימערט וואס די ציוניסטען טוען אדער זיי געהען טאן. איצט אבער, ווען דער אידענשטאאט איז געווארען א לעבעדיגער פאקט און די ציוניסטען געהען שוין צו צו דער אויפבויאונגס - ארבייט, אין ווי אזוי קענען מיר אנפערטרויען צו זיי, צו די געשוואוירענע ,,בורזשויעס״ דעם גורל פון אידישען פאלק. איבערהויפט פון די אידישע ארבייטער מאסען, וואס קומען בעזעצען זיך אין ארץ ישראל?״

אין ענטפער און א שעהנעם, איבערצייגענדען ענטפער אויף די דאזיגע טענות האט געגעבען די פיטסבורגער דעקלאראציע.

פראקלאמירענדיג די העכסטע פרינציפען פון סאציאלער ארדנונג פאר דעם פונדאמענט פון אידישען לעבען אין ארץ ישראל, האבען די ציוניסטישע פיהרער אויף א קונציגען אופן ארויסגעשלאגען די וואפען פון די הענד פון זייערע געגנער און איינמאל פאר אלע מאל באוויזען, אז אויף סאציאליזם האט קיין פארטיי אדער פראקציע קיינע פאטענטען ניט ארויסגענומען, און אז די לעהרען פון ציוניזם טראגען אין זיך די פרוכטען פון די העכסטע סאציאליסטישע געדאנקען.

די צווייטע טענה, מיט וועלכער די ציוניסטישע געגנער מכל המינים זיינען ארויסגעטראטען באלד נאך דער ענגלישער דעקלאראציע, איז געווען אז די ענגלישע דעקלאראציע האט אונטערגעהאקט די עקזיסטענץ בערעכטיגונג פון דער ציוניסטישער פארטיי.

די ציוניסטישע געגנער האבען גע׳טענה׳ט און טענה׳ען עס נאך איצט אויך:

,,ביז דער ענגלישער דעקלאראציע האט ציוניזם געמעגט זיין די ארבייט פון א קלייזעל, פון א פארטיי, — דער אידענשטאאט איז אבער דאס אייגענטום פון דער גאנצער אידישער נאציאן און אין דער פארבערייטונגס - ארבייט פאר דעם אידענשטאאט דארף דאס גאנצע פאלק זיך בעטייליגען און דערפאר דארף די ציוניסטישע ארבייט ארויסגענומען ווערען פון די הענד פון דער ציוניסטישער פארטיי און איבערגעגעבען ווערען דעם גאנצען פאלק״.

און אויך אויף דער טענה האבען די ציוניסטישע פיהרער א גלענצענדען ענטפער געגעבען.

דער ענטפער איז — די רעארגאניזירונג פון דער פארטיי, לויט דעם ,,דיסטריקט פלאן״.

דער ענטפער איז:

די טירען פון דער ציוניסטישער פארטיי זענען אפען!

זאל קומען יעדער איד, וואס האט נור דעם אויפלעבונגס - רוף פון זיין פאלק דערהערט!

דער פרינציפ, אז ,,כל ישראל יש להם חלק בארץ ישראל״ איז פון שטענדיג געווען פון די לייטענדע מאטיווען אין ציוניזם און די ציוניסטישע פארטיי האט זיך תמיד בעטראכט פאר דער פארטיי פון גאנצען אידישען פאלק. אויב עס האבען זיך געפונען ביז יעצט אידען, וואס זיינען געשטאנען ווייט פון ציוניזם, איז די ציוניסטישע פארטיי ניט געווען שולדיג אין דעם. שולדיג זיינען די גלייכגילטיגע, די צוויפלער, די קאלטע נשמות און אויסגעטריקענטע מוחות; שולדיג זיינען אויך די וואס האבען יאהרען און יאהרען געזעצט די קערנער פון אסימילאציע, פון נאציאנאלער פערלייקענונג און פערראט אויף דער אידישער גאס; שולדיג זיינען די, וואס האבען געלעגט שטיינער און דערנער אויפ׳ן וועג פון ציוניזם און האבען מיט זייערע אייגענע הענד געגראבען קברים פאר אונזערע נאציאנאלע האפנונגען; שולדיג זיינען די וואס האבען יאהרען און יאהרען געשריען צו די אידישע פאלקס - מאסען: לאזט זיך ניט פערפיהרען פון די ציוניסטען, דער ציוניסטישער וועג איז ניט אייערער, דער ציוניסטישער וועג פיהרט אייך אין דעם לאנד פון פינסטערניש און בטלנ׳ישע אוטאפיעס?...

איצט אבער, ווען די בייזע אסימילאטארישע כוחות זענען פערשוואונדען פון דער אידישער גאס און ווען די אידישע פאלקס - מאסען האבען דערזעהן דאס גרויסע ליכט, וואס געהט אויף פאר אונז פון מזרח, איז — זאלען זיי קומען, די טירען פון דער ציוניסטישער פארטיי זיינען פאר זיי אפען!

און דער ,,דיסטריקט פלאן״, ווי ער ווערט יעצט דורכגעפיהרט פון די ציוניסטישע פיהרער איבער׳ן גאנצען לאנד, וועט אהן צווייפעל פיעל העלפען, אז די ברייטע אידישע מאסען זאלען דערנעהענטערט ווערען צום ציוניזם און טאקע ווערען א טייל פון דער ציוניסטישער פארטיי.

דורך דעם ,,דיסטריקט פלאן״ וועט די ציוניסטישע פארטיי אין אמעריקא ווערען ניט בלויז אין טעאריע, נור טאקע אין דער ווירקליכקייט, די פארטיי פון אידישען פאלק.

* פאר יעדען איינעם וואס קען די אמעריקאנער ציוניסטישע בעוועגונג, איז געווען קלאר, אז די פארטיי מוז רעארגאניזירט ווערען, אז דער ,,פעראיין און קלוב ציוניזם״ האלט ניט נאך דעם שנעלען פארטשריט, וואס די בעוועגונג האט דא געמאכט פאר די לעצטע פאר יאהר.

דער ,,פעראיין און קלוב ציוניזם״ האט אין זיך געוויס פערמאגט פיעלע שעהנע און הארציגע עלעמענטען, איבערדעם ,,פעראיין און קלוב ציוניזם״ האט נאך געשיינט די היימישע ציוניסטישע קדושה, די היימישע ציוניסטישע ראמאנטיק, וועלכע וועט פיעלייכט פערשווינדען מיט דער ענטוויקלונג פון דער בעוועגונג אין א גרויסער פאלקס - פארטיי.

דאס מוז אבער געשעהן מיט יעדער פארטיי וואס וויל ווערען א ווירקענדער פאקטאר אויף דער ברייטער, רוישענדיגער גאס.

דאס מוז געשעהן מיט יעדער פארטיי, וואס וויל ניט נור האבען די פיינע טרוימער, די בענקענדע קינסטלערישע נשמות, די בין השמשות׳דיגע ראמאנטיקער, נור טאקי די פשוט׳ע פראסטע פאלקס - מאסען, וואס זיי וועלען דארפען אויפבויען דעם נייעם בנין פון אידישען לעבען אין אונזער בעפרייטער לאנד.

וואס יעדער אלטער, גוטער ציוניסט קען נור מתפלל זיין פאר זיך, איז:

,,זאל נור צוליעב דער גאס דער לפני ולפנים פון ציוניזם ניט פערשוועכט ווערען...

,,זאלען אונזערע פיהרער איבער די נשמה פון ציוניזם א היילינע וואך האלטען...״

און לאמיר האפען, אז די תפלה וועט דערהערט ווערען.

מאכט געלט
דורך לייהען געלט

קענעדעס וויקטארי הלואה 1918 גיט אייך א געלעגענהייט אויסצולייגען אייערע פארדינסטע פאר׳ן בעסטען צוועק און אינ׳ם זיכערסטען אינוועסטמענט

ווען איהר לייהט געלט קענעדע פארשטעהט איהר אהן וועלכע עס איז צווייפעל אז אייער געלט איז זיכער

אלע קוועלען פון קענעדע פארזיכערען די וויקטארי הלואה 1918. עס ווערט פארזיכערט מיט אלע רייכטימער פון קענעדע

ווען איהר אינוועסטעט אין דיזער הלואה ווערט איהר דער אייגענטימער פון א וויקטארי באנד. דער דאזיגער באנד איז קענעדעס אונטערגעשריבענער שטר חוב צו באצאהלען — א שטר חוב פון וועלכען דער פרינציפאל וועט באצאהלט ווערען אין טאג וועלכער איז באשטימט און אנגעוויזען און א גרויסער פראצענט וועט געצאהלט ווערען צו אייך אלע זעקס מאנאטען.

מען אפעלירט צו אייך אין נאמען פון גוטע געשעפטען און פאטריאטיזם צו סובסקרייבען זיך צו דער הלואה

ווייל עס איז דער זיכערסטער אינוועסטמענט.
ווייל עס וועט אייך ברענגען א גרויסען פראצענט.
ווייל אייערע באנדס וועלען פיליכט טייערער ווערען.
ווייל צאהלונגען קענען געמאכט ווערען אין קליינע ראטעס.
ווייל עס וועט העלפען צו געווינען די מלחמה — וועט פארקירצען דעם קאמף — וועט ברענגען נאהענט א זיג.

יעדער באטראכטונג פון עקאנאמיע, גוטע געשעפטען און פאטריאטיזם פיהרט צו דער ראטזאמקייט פון אינוועסטען אין קענעדעס וויקטארי הלואה 1918.

ארויסגעגעבען פון קענעדעס וויקטארי לאון קאמיטע
אין קאאפעראציאן מיט׳ן פינאנץ מיניסטער
פון די דאמיניאן אף קענעדע

Waltham Watch

זעהר גאנץ ווערט אפט טרעפט מען זייגערלאך וואס האבען לאזע ווערק אריינגעזעצט אין גוטע ,,קייסעס״ אבער דאס דארף ניט זיין אזוי, ווארום א גוטע ווערק איז די הויפט וויכטיגקייט פון א זייגערל.

די וואלטהעם 19 און 23 דזשול ווערק וועלכע זענען אריינגעזעצט אין גאלד - אנגעפילטע אדער אין גאנצען גאלדענע ,,קייסעס״, פון פארשידענע געוויכטע, שטעלען צוזאמען אן אידיאלע קאמבינאציע פון אויסערליכער שעהנקייט און א פאלשטענדיגע זיכערקייט פון מעכאניזם. קויפט א זייגער׳ל וואס האט א רעפוטאציע — דאס איז דער זיכערסטער וועג. און געדענקט דאס די וואלטהעם רעפוטאציע איז עטאבלירט געווארען נאך פון זעכציג יאר צוריק. און פון יענער צייט אן האבען די וואלטהעם ווערק באקומען דאס צוטרויען פון די פארזיכטיגסטע זייגער קויפערס פון די שפעטערדיגע גענעראציעס.

פארלאנגט פון אייער דזשולער צו ווייזען אייך זיין אויסוואל פון הויך - גראדיגע וואלטהעם זייגערלאך.

WALTHAM WATCH COMPANY, LIMITED
MONTREAL

א גרויסער סייל אויף
פיינט און וואל פייפער

מיר זיינען אומשטאנדע צו פארקויפען יעצט פיינט פון $4.50 פאר $2.50 סנאו ווהייט לעד $1.25 א קען אימפיריאל גרין און אויל 16 סענט א פונט. פאדי 4 סענט א פונט. ספעציעלע פרייזען צו פיינטערס.

מ. פיינער
פיינטער און פייפערהענגער
156 דאנדאס וועסט.
טעלעפאן אדעלייד 3921

מר. יאן
האמבורג
לעהרער
און באריהמטער וויאלינ[illegible]
נעהמט אן תלמידים
נאכפרעגען די
האמבורג
קאנסערוואטארי
שערבורן און וועלזלי
נארטה 2341

OPEN EVENINGS
11 P.M.-Saturday 11.30 P.M.
Phone Main 5515
SONG SHOP
Jerome H. Remick & Co.
Proprietors.
127 YONGE-ST.

ספעציעל
יעצט ארויס
וואקאל רעקארד
,,סמיילס״
נומער 45165

דאס איז א ליעד וועלכעס ברינגט פארגעניגען פאר יעדער בענקענדע הארץ; וועלכע איז איבערפילט מיט מלחמה זארג, א ליעד וועלכע טרעפט אין אלע ריכטונגען. א מוזיקאלישער ערפאלג וועלכער האט צו זיך קיין גלייכען. דאס זינגענדע שמייכלענדע סאנג סענזאציע אין א מאנאט פון זונטאג׳ן — אן ערפאלג איהר זאלט אויך שמייכלען.

1847 דער גרעסטער

פאקס - טראט וואס איז ווען געשריעבען געווארען א פאלשטענדיג גוטע מעלאדיע אין יעדען אופן. עס וועט אייך צווינגען צו שמייכלען. קומט אריין און הערט געזונגען אדער געשפיעלט די הויפ פון סמיילס.

קארלטאן וועסט, מענעדזשער

אין ארבייטער׳ס געצעלט

פון יוסף שחר

א רעטעניש פאר די קאנעדער ארבייטער און א טשוואק אין׳ם טויטען קאסטען פון דער היינטיגער ארדנונג.

דאס געזעץ וואס די קאנעדער רעגיערונג האט אנגענומען היינטיגע וואך, וועגען דעם, אז אלע סכסוכים צווישען ארבייטער און ארבייטס־געבער מוזען איבערגעגעבען ווערען צו אן ארביטרייטשאן קאמיטע און די ענטשיידונג פון דער קאמיטע מוז זיין בינדענד פאר ביידע צדדים", האט איינגעשטעלט די קענעדער ארבייטער אין אזא מאדנער לאגע דאס עס וועט ניט זיין איבערטריבען צו באהויפטען אז קיין איינציגע ארגאנירזירטע ארבייטערשאפט פון דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט האט נאך פאר זיך ניט געהאט אזא משונה׳דיג׳מאדנע לאגע.

ווען ,,דער צאר איז ניט קיין אייזענער" און ווען די לאגע וואלט ניט געווען אזוי טויט־ערענסט וואלט אט דער דאזיגער אנגענומענער געזעץ געקאנט ליפערען גאר א היבש ביסעל מאטעריאל פאר וויצען־בלעטער, פאר וויציגע רעדנער, און בכלל איבעראל וואו עס וואלט זיך איינעם פארגלוסט צו האבען א ביסעל שפאס אויף׳ן חשבון פון דער ,,אניאן גאווערנמענט". איז אבער די צרה וואס די רעגיערונג (ספעציעל די קענעדער) קאן זיך ערלויבען אנצונעהמען אירגענד וועלכען געזעץ וואס דער בעסטער ,,באווייז", אז דאס געזעץ איז אן לאגיש און אי גוט פארן פאלק, איז, אז מען קאן דאך פאר׳ן איבערטרעטען דאס געזעץ פארשיקט ווערען אין געפענגניש. וועהרענד אין דעם פאל פון די ארבייטער איז די לאגע פיעל אנדערש. ערשטענס האבען זיי ניט אזא ,,שלאגענדען באווייז" פאר זייערע ארגומענטען און צוויטענס דארפען זיי ניט געבען א געלעגנהייט די פאליציסטען קלאבס דורכצופרובירען זיך אויף זייערע אומשולדיגע קעפ, און דריטענס — טארען בכלל די ארבייטער אלס גאנצע קערפערשאפט ניט באגעהן קיין נארישע עולות, ווארום בלויז זיי אליין טראגען אויף זיך די פאראנטווארטליכקייט פארן וואוילזיין פונ׳ם לאנד.

ווי שוין אויבען אנגעדייטעט, באצוועקט דאס געזעץ צו פארהיטען סטרייקס אויף לאקאוטס (אוועקשיקען אלע ארבייטער מיט אמאל, ווי בעלי־בתים טוען דאס צייטענווייז אונטער פערשיעדענע פרעטענזיעס) איבער דער צייט פון דער מלחמה, און כדי צו ווייזען אז דאס געזעץ באטראכט די ארבייטער פאר ,,גלייכע" מיוחסים מיט די בעלי־בתים ווערט געזאגט : ,,דאס קיין איינציגער בעל הבית וואס באטשעפטיגט ארבייטער וועט ניט טארען אוועקשיקען זיינע ארבייטער נאר דערפאר וויל זיי באלאנגען צו א לעגיטימירטער און אנערקענטער יוניאן."

אמת איז, דאס עס ווערט ניט ארויסגעזאגט דייטליך וועגען דעם ווער עס וועט דארפען באשטימען וועלכע יוניאן איז אן אנערקענטע, און אויך ניט פון וועמען זי דארף אנערקענט ווערען.

דערפאר אבער ווייסען די ארבייטער גאנץ גוט דאס ניט די בעלי־בתים, און ניט קיין איינציגער טייל פון דער רעגיערונג האט ווען עס איז ארויסגעגעבען אן הסכמה אויף אירגענד וועלכער יוניאן, און סוף כל סוף, איז כמעט ווי זיכער אז די ארבייטער וועלען ניט אננעהמען די אויטאריטעט פון די בעלי בתים צו באשטימען צו וועלכער יוניאן צו באלאנגען, און דאך ערווארט די רעגיערונג אז די ארבייטער זאלען זיך אונטערווארפען אזא מין געזעץ.

אבער ווען דער אויבנאנגעדייטעטער חסרון אינ׳ם געזעץ וואלט געווען דער איינציגער וואלט מען אפשר ניט געקאנט פיעל מתרעם זיין אויף די געזעץ מאכער, ווארום עס איז פארשטענדליך אז זיי, אלס בעלי בתים, האבען ניט געקאנט אננעהמען קיין אנדער געזעץ און סיי ווי סיי וואלט עס ניט געקאנט פיעל שאטען, אזעלכע מינדערע חסרונות זענען פאראן א סך און די ארבייטער וועלען זיך מיט זיי גאר ווייניג רעכענען.

איז אבער פאראן אין דעם דערמאנטען געזעץ אן אויסטייטשונג : ,,אז קיין איינציגער ארבייטער וועט ניט טארען אגיטירען פאר זיין יוניאן, און וועט ניט טארען צוגעהן צו זיינעם א מיטארבייטער פון זעלבען פאך און אים צורעדען אריינצוגעהן אין דער יוניאן.

אט אין דעם ליגט די גרויסע פראבלעמע פאר די ארבייטער.

ערשטענס, זיינען, בדרך כלל, די ארבייטער גאנץ גוטע געזעץ־ליעבענדע מענשען, און צווייטענס, כדי צו קאנען קומען פאר דער וועלט און באווייזען די עולות און ניט געזעצליכע מעטאדען מיט וועלכע די ארבייטסגעבער באנוצען זיך אין א קאמף נעגען די ארבייטער, מוזען זיי זיך אליין, אנגעהן אויף א געזעצליכען אופן, און טארען אליין ניט באגעהן קיין פארברעכענס געגען דעם געזעץ. ווי איז אבער דער דין אז דאס זעלביגע געזעץ זאגט דעם ארבייטער אזוי :

צו א יוניאן מעגסטו טאקי באלאנגען אבער ארגאניזירען א יוניאן; זאגען דיינע מיטארבייטער, אז זיי זאלען אריינגעהן אין דער יוניאן, אדער אז עמיצער פון דיינע מיטארבייטער זאלען זיך צו רעדען צו באלאנגען צו דער יוניאן דאס איז פארבאטען, דערפאר קאן מען דיך פארשיקען אין געפענגניש און דיך בראנדמארקען אלס א געמיינעם פארברעכער וואס איז שעדליך פאר דער געזעלשאפט.

נאר אזא מין געדאנק קאן זיך שוין ניט פאטיפען אין די מהות פון דין ארבייטער.

און ניט ווילענדיג פרעגט זיך ביי די ארבייטער אין די מוחות די קשיה :

,,אויב דאס געזעץ וויל פארהיטען סטרייקס פונקט אזוי גוט ווי לאקאוטס ; און אויב דאס געזעץ בעאפזיכטיגט צו באשטראפען די בעלי־בתים פונקט אזוי ווי ארבייטער פאר׳ן איבערטרעטען דאס געזעץ ; טא פארוואס ווערט ניט פארגעשריבען די בעלי־בתים צו באלאנגען נאר צו אזא מאנופעקטשורער׳ס אסאסיאיישאן, וועלכע איז אנערקענט געווארען ?

און נאך א קשיה : פארוואס שרייבט ניט פאר דאס געזעץ צו פארביטען בעלי־בתים צו ארגאניזירען אן אסאסיאיישאן פון ארבייטס־געבער ? פארוואס מעג א בעל הבית צוגעהן צו אנאנדערען בעל־הבית און אים מאכען פאר א מיטגליעד אין דער אסאסיאיישאן און געמיינשאפטליך באשליסען איינצופירען פארבעסערונגען אין זייער פאך ?

און טאקע אט ערשט נעכטען איז דא אין שטאט אפגעהאלטען געווארען א מיטינג פון די סוועטער מאנופעקטשורערס אינ׳ם קינג עדווארד האטעל. דארטען איז גערעדט געווארען וועגען דעם אז די מלחמה ענדיגט זיך און מען וועט ניט דארפען אזוי פיעל סוועטערס און פאלגליך וואס פאר א מיטלען דארפען זיי אנווענדען ניט צו פארלירען זייערע דאלארס. האט דען די רעגיערונג זיי געשטערט אין ארגאניזירען יעדען מאנופעקטשורער פון שטאט ?

עס איז קיין שום ספק ניט, אז דאס געזעץ האט הינטער זיך די איינציגע אפזיכט און אויפגאבע צו טויטען די איינציגע ווירקזאמע וואפען פון די ארבייטער אין זייער קאמף פאר א שעהנערען לעבען.

און כדי צו פארשטעלען דעם הויפט מאטיוו פון די געזעץ מאכער איז אונטער אט דעם דאזיגען משונה׳דיגען געזעץ ארונטערגעלייגט געווארען אן אונטערשלאג פון פאטריאטיזם, און מיט רעכט וועלען די ארבייטער, הפנים, זיין גאנץ פארזיכטיג אין זייערע האנדלונגען. ווארום ווען עס שטעהט אין קאן דאס וואוילזיין פונ׳ם לאנד האבען שוין די ארבייטער דערוויזען דאס זיי פיהלען אויף זיך די פאראנטווארטליכקייט אין דער גאנצער גרויס. זאגאר די זעלבע מישטיינס געזאגט, געזעצמאכער האבען שוין דאס פראקלאמירט, און הערפאר שטעהען זיי איצט און ציטערען פאר דער ארבייטער מאכט אזוי ווי בלאט ווען דער ווינט טרייסעלט דעם בוים.

(הערענדיג וועגען דעם ווי ווייט די ארבייטער זענען גערעכט אין זייערע טענות, נעגען די ארבייטס־געבער איז כדאי, אגב אורחא, צו דערמאנען דאס די קאנווענשאן פון דער מעטאדיסטישער קירכע ־ סעקטע האט היינטיגע וואך ביי איר קאנווענשאן צו פארהאנדלען א רעזאלוציע וועלכע שלאגט פאר א פאלשטענדיגע עקאנאמישע און סאציאל איבערבויאונג פון דער איצטיגער ארדנונג, און מיט דער אויסנאהמע פון איר רעליגיעזען צופוץ, איז די רעזאלוציע, אין איר עסענץ, פאלשטענדיג איינפארשטאנען מיט׳ן סאציאליסטישען געדאנקענגאנג.)

אז דער בוים (די קאפיטאליסטישע ארדנונג) ווערט געטרייסעלט פון א מעכטיגען מזרח ווינט אין דעם איז קיין שום ספק ניט. סעקרעטער דייניעלס פון די פאראייניגטע שטאאטען האט היינטיגע וואך ערקלערט, דאס גלייך נאך דער מלחמה וועלען די ארבייטער איבערנעהמען די ממשלה איבער דער רעגיערונג. פון די מאגערע ידיעות וואס מיר באקומען פון דייטשלאנד איז שוין אבער איצט זיכער דאס דער זעלבער ,,קייזער ־ סאציאליסט", שיידעמאן, מיט די דייטשע ארבייטער הינטער זיך וועלען גאר אין גיכען אוועקשיקען ווילהעלמ׳ען צו זיין קרוב ניקאלאי און דאן איינרופען א קאנגרעס פון ארבייטער פארטרעטער און דער זעלביגער קאנגרעס וועט אויסשטרעקען א ברודער ־ האנט צו דער גאנצער וועלט.

דעם ענטפער וואס די קאלגאריער ארבייטער האבען געגעבען צו דעם געזעץ, באווייזט שוין וואוהין דער ווינט וועט פארטראגען אזעלכע געזעצען.

אפילו דער קאנסערוואטיווער פרעזידענט פונ׳ם קענעדער טרייד קאנגרעס האט שוין געלאזען וויסען דער רעגיערונג וואס די ארבייטער דענקען וועגען אזעלכע געזעצען און עס איז אויך זיכער דאס מיט אזעלכע געזעצען וועט מען ניט אויפהאלטען די פאלענדע קאפיטאליסטישע געביידע.

פאר די מלחמה קרבנות

ערהאלטען פון דזש. מאזעט, סאדבעררי אנט. $1.00 פאר די מלחמה ליידענדע.

3150)

ערהאלטען א דאלאר פאר די מלחמה ליידענדע פון מרס. אלטבוים פון 51 קעמעראן סטריט.

3149)

$27.25 פאר די מלחמה קרבנות

מר. ה. שטיין פון הערעסטאן אנט. האט אונז צוגעשיקט א טשעק אויף דער סומע פון $52.25 פון וועלכע עס נעהמט.

$27.25 פאר די מלחמה קרבנות און 25 דאלאר פאר׳ן מושב זקנים. די סומע איז געזאמעלט געווארען אויף א ברית ביי מר. און מרס. הערי גוראפסקי אין סטארט פארט אנט. דורך מר. ה. שטיין פון הערעסטאן און מר. שאפירא פון סטארט פארט.

דער זיידע פון קינד האט באצאהלט זעקס דאלאר פאר׳ן איבערשיקען דאס געלד צו מר. ה. וויינבערג, טרעזשורער פונ׳ם מלחמה קאנפערענץ.

3148)

א בארגיין אין שפייז

וואס וועט אייך א דאלאר קויפען היינט צו טאג אין שפייז — אין אמת׳ע נארהאפטע קערפער בויענדע שפייז.

פרעגט גארנישט, איהר זאגט

איהר זענט מעגליך גערעכט — אויב איהר רעדט וועגען פלייש, אייער, פיש, טשיקען, גרינסען, פריכט.

אבער איהר זענט ניט גערעכט ווען איהר רעדט וועגען — מילך.

אויף די יעצטיגע פרייזען, איז מילך נאך אלץ די ביליגסטע ,,באלאנסירטע" שפייזווארג אין דער וועלט.

עס איז וואס יעדער פרוי גלייבט — א בארגיין ווייל

איין קווארט מיל איז גלייך אין ווירקליכע שפייז צו :

¾ פונט פלייש
5 אייער
2 פונט פיש
1½ פונט טשיקען

שפייז עקספערטען פון איבערן גאנצען לאנד פרובירען צו געבען יעדען איינעם צו פארשטעהן, וועלכע גרויסע עקאנאמיע עס איז צו נוצען מעהר מילך. אייער אייגענער דאקטאר וועט עס אייך זאגען ווי פיעל עס איז בעסער פאר אייער געזונט אין די ווירקליכע שפאהרונג.

וואס מילך ברענגט מיט זיך. ווערט פארגרעסערט דערמיט וואס מילך איז א שפייז אן און פאר זיך. עס נייטיגט זיך ניט אין קיינע פארבעסערונגען. פארגיצט ניט קיין הויז מאטעריאל, שפארט גייט, שפארט אבפאל

און עס איז לייכט צו באקומען.

טעלעפאנירט הילקרעסט 4400 — — יעצט.

און אויך זיין קומענדען טריפ וועט אונזער סיילסמאן אייך ברענגען מילך וועלכע קומט פריש פון די פיינסטע פארמס אין אנטעריא — פון געזונטע רעגולאר אינספעקטירטע קיה. אונזער גוטער אויפזיכט און גוטע שפייז צו באקומען מילך פון דער העכסטער קוואליטעט.

ער וועט אייך ברענגען מילך וועלכע איז געמאכט זיכער דורך וויסענשאפטליכער פאסטעריזירונג. וועלכע איז געבאטעלט דורך מאשינערי אין דער בעסטער דיירי אין אמעריקא.

געדענקט — — עס איז הילקרעסט 4400. אויב איהר האט ניט קיין טעלעפאן בעט אייער שכן זאל ארויסלייגען א צעטעל אין זיין פלעשעל אנזאגענדיג דעם סיילסמאן צו קומען.

THE FARMERS' DAIRY
וואלמער ראוד און ברידושמאן סטריט

טעלעפאן הילקרעסט 4400
15 טיקעטס פאר $1.

DEYOUNG'S

אונזערע גלאזעס זענען
די בעסטע אין שטאדט
פון א דאלאר ביז 6 דאלאר
70 קוין סטריט וועסט
70 Queen St. W. near City Hall
עטאבלירט זינט 14 יאר.

מיר איבערצייגען
אז עס קען געטון ווערען

מענער און פרויען איבערצייגען זיך מיט יעדען טאג אז די אימפיריאל ברוי איז א דערקוויקענדער געטראנק. זיי קאנען אויסגעפינען אז אבוואהל עס קומט נאך אלע געזעצליכע פארלאנגען, איז א אגוטער געברויטער האפען און מאלט איל, לאגער אדער סטאוט אנגענעהם, קרעפטיג, געשמאק און סטימולירענד, בלויז גענוג אלקאהאל צו פארהאלטען אין דעם, צו פארהיטען עס פון איבערגעפיהרט צו ווערען.

O'Keefe's
אימפיריאל ביער
לאגער : איל : סטאוט

אין אנהויב האט מען געגלויבט, אז דער דערקוויקענדער געשמאק פון די א׳קיעף ביערען באריהמט איבער זעכציג יאהר וועט ניט קענען בלייבען אהן א העכערען פראצענט פון אלקאהאל. מיר האבען באוויזען אז עס קען געטון ווערען. יעדעס פלעשעל אימפיריאל איל, לאגער אדער סטאוט, איז א נאטער באווייז, אז מיר האבען באמת פראדוצירט ברויערייען אזוי געשמאק, אזוי פינקלענד, אזוי ערפרישענד, ווי די אמאליגע ביערען. דאך אבסאלוט אונשעדליך, און אין יעדען זין דאס אידעאלסטע פאר פאמיליען געברויך.

באשטעלט א קייס פון אייער דילער.

אין האטעלען, קאפעס אדער רעסטאראנען פארלאנגט א׳קיעפס.

א׳קיעפס מאכען אויך די בעסטע דזשינדזשער איילען, אלע פלייווארס. צו פארקויפען ביי אייער גראסערי מאן.

די אקיעף ברוערי קאמפאני, לימיטעד

L.—15—102 קענעדע פוד באארד
טעלעפ. מיין 4202.

הויכע מענער,
ניעדריגע, דינע,
אדער דיקע

מיר קענען גאראנטירען צופריעדענהייט אין ארבייט אין סטיל און פיטינג.

די פרייזען וועלכע מיר רעכענען זענען זעהר מעסיגע.

מיר האבען הינדערטער פון די נייעסטע פעטערנס אין סערדזש, סקאטש מיקסטשורס און פאר איבער רעק. יעדער פעטערן קען ווערען געזעהען און דיא שטיק סחורה בעטראכט אין האנד.

יעדער סטייל קען געמאכט ווערען סינגעל אדער דאבעל ברעסטער. סעקס אדער אווערקאוט מיט פענסי פאקעטס און ברייטע שולטערן, אויף אן אופן אז איהר זאלט האבען פונקט דעם בגד ווי איהר גלייבט און ווי עס פאסט אייך אם בעסטען. אייער מיינונג ווערט גענומען אין אנבעטראכט ביי יעדער זאך וואס מיר טהוען.

מיר קענען אלזא פערזיכערן צופריעדענהייט און די פערזיכערונג נעהמט אריין ניט בלויז די ארבייט אונזערע אליין, נור אויך פערזיכערונג אין דעם וואס עס בעלאנגט צו וואארע און די קאלירען.

פון יעדע שטיק וואארע וואס מיר האבען, קענען מיר אויסמאכען בלויז עטליכע גארמענטס, אבער דער סטאק אונזערער איז אזוי גרויס, דאס יעדענס געשמאק קען ווערען צופריעדען געשטעלט.

לייגט אלזא ניט אב אויף שפעטער, קומט באלד צו

א. סעמועלס און קאמפאניע
ארטיסטיק טיילאר
264 קווין סט. וועסט

20

אר דיזען

פ א
רט אויך אז אלע
קיין טיקעטס זאלען
ס נעלט נעהמט פאר׳ן
איידער איהר
פאר אדער
אין

וב נסמי גע־טארבען

ים דובינסקי פון 76 מיידושאר
איז געשטארבען שבת פינף א זייגער
פארטאג נאך א קראנקהייט פון פיער
וואכען. די לויה וועט זיין היינט 12
א זייגער בייטאג. אלע פריינט זענען גע־
בעטען צו קומען צום הויז פון דעם פאר־
שטארבענעם.

ווען איהר קויפט אן ארטיקעל דערמאנט דעם ,,אידישען זשורנאל".

די מאדאם

(פארזעצונג פון פיידזש 5)

בעטראכט, געעפענט ביידע דעקלאך. צו־געלייגט צום אויער און זיך איינגעהערט ווי עס קלאפט, און צולעצט, דער מאה־נעריג זיך אז די מאדאם טהוט ניט אזוי! האט זי דאס לעצטע מאל ארויף געווארפען א בליק און ארויסגערעדט „פארא אידטי"...

זי האט צוריק אנגעטהאן דעם הוט פערכאפט מיט איין האנד דעם שלייף און איז האסטיג פונקט ווי די מאדאם צו געגאנגען צו דער טיהר, געעפענט און פון יענער זייט אנגעקלונגען, פערעל זאל נאך איהר פארמאכען די טיהר.

פון דער ראלע ווארפט זי ארויס א בע קאנטע שטימע:

— וועמען דארפט איהר, מאדאם?

און דאס האט די אמת'ע מאדאם געפרעגט...

באזאר אפגעלייגט

די „די סאמטהינג סאסייטי" וואס האט געהאט געזאלט האבען א באזאר דעם 23 און 24טען פון דיעזען חודש אין 31 סיסעל סטריט איז צוליעב דער אינפלוענציא אפגעלייגט געווארען אויף דעם 20 און 21־טען נאוועמבער.

אלע טיקעטס זענען גוט פאר דיעזען דאטום.

די סאסייעטי אפעלירט אויך אז אלע וואס האבען נאך ניט קיין טיקעטס זאלען קויפען, ווארום דאס געלט געהט פאר'ן מושב זקנים.

(3136

SANTAL CAPSULES MIDY
אורין
ארויספליסונגען
קורירט אין
24 שטונדען
יעדע קאפסעל האט דעם נאמען
MIDY
היט זיך פאר נאכמאכען

[illegible]
HIPPODROME
די וואך פון מאנטאג אקטאבער 14
פעני ווארד
אין א
יאפאנעזישע נאכטיגאל
פעטי ארבאקל און
טשארלי טשעפלין
און
[illegible] פוגיליסט
וואדעוויל

סיגארס
ליו קוואליטיו
בערי לינדאן
דעמאקראט
קאראנא
— יוניאן מייד —
4 פאר 25 סענט
באקס פון 25 פאר $1.50
פאדערט עס פון אייער סיגאר סטאר
אדער קויפט עס פון
דזווארקינס בראדערס
525 Dundas W. Toronto Ont.
מיר פערקויפען אלע בעסטע סיגארס סיי קענעדער סיי אימפארטירטע.
איינצעלנע באקסעס און ביי די טויזענדער.

ערשטע קלאס
„דרעסמייקינג"
ענע רינזווין
17 ראולענד עוו.
טעלעפאן דזשאנקשאן 2018.

אמת'ע
דיאמאנטען
מזומן
אדער קרעדיט
זייט זיכער צו קויפען ביי אונז דיאמאנטען. מיר זענען די גרעסטע אימפארטירער פון דיאמאנטען. מיר האנדלען בלויז מיט דיאמאנטען און מיר גאראנטירען אייך איינשפארען ווענייגסטענס 20% אויף דעם וואס איהר קויפט. זייט זיכער צו זעהען אונזער גרויסען סטאק. מיר גיבען אייך א ספעציעלען דיסקאונט פון 10% פאר קעש.
דזשייקאב בראס
15 טאראנטא ארקייד
יענגעאיבער טעמפערענס

וואוהין צו ווענדען זיך נאך מעדיצינישער הילף

צוליעב דער אינפלוענציא וואס „באזוכט" איצט אונזער שטאדט איז זעהר שווער צו קריגען דאקטוירים און נוירסעס. די באארד און העלטה האט דערפאר איינגעטיילט די שטאדט אין זעקס דיסטריקטען און בעשטימט א געוויסע צאהל דאקטוירים און נוירסעס פאר יעדען דיסטריקט. אויב מען קען ניט באקומען קיין אייגענע דאקטוירים מעג מען זיך ווענדען צום אפיס וואס געפינט זיך אין דיסטריקט.

פאלגענדע זיינען די טעלעפאן נומערן:

פאר די וואס וואוינען אין דעם וועסטערן טייל פון שטאדט נארט פון בלור סטריט ביז דאווערקארט דארפען טעלעפאנירען קאלעדזש 6681.

די וואס וואוינען אין דרום זייט פון בלור סטריט ביז באטהורסט סטריט דארפען טעלעפאנירען קאלעדזש 2940.

די וואס וואוינען מזרח זייט פון דאווערקאורט און אין צפון זייט פון בלור דארפען טעלעפאנירען נארט 4369.

פאר די וואס וואוינען אין דרום זייט פון בלור סטריט פון באטהורסט ביז יאנג סטריט, דארפען רופען דעם נומער מיין 5159.

אין מזרח זייט פון יאנג ביז דאן ריווער איז דער טעלעפאן מיין 972 און איבער דעם דאן ריווער איז דער טעלעפאן דזשעראַרד 3447.

אין די אפיסעס וואס האבען די דערמאהנטע טעלעפאנען וועט מען אויך קאנען אויסמאכען אפליקיישאנס אויף אריינצוגעבען קראנקע אין האספיטעלער און דינגען נוירסעס אויף צו באדינען קראנקע. די צייט צו טעלעפאנירען אין די דיסטריקטען איז בלויז פון 8 פריה ביז 5 פארנאכט. נאך פינף פארנאכט דארף מען טעלעפאנירען אין אפיס פון דעם וויקטאָריען אָרדער אף נוירסעס. דער טעלעפאן איז מיין 2307 אדער צום סעקרעטער פון דעם העלטה דעפארטמענט אחיים. דער טעלעפאן איז מיין 156.

סיום התורה צוריק גערופען

דער סיום התורה וועלכער האט געזאלט געמאכט ווערען

היינטיגען זונטאג אין דער רומענישער שוהל פונ'ם ספר וועלכעס עס האט מנדר געווען יהושע פרץ פאר'ן מושב זקנים

ווערט צוריקגערופען אויף אן אונבאשטימטער צייט צוליעב דער יעצטיגער צייט. אלע וועלכע האבען באקומען איינלאדונגען זענען געבעטען דאס צו נעהמען אין אנבעטראכט.

דער מושב זקנים.

בארוכאוו ברענטש רופט צוריק זיין באל
דער בראנטש 124 א. ב. ארבייטער פערבאנד
לאזט וויסען דאס צוליעב דעם וואס דער פלאן איז געשלאסען
ווערט דער באל
וועלכער האט געזאלט זיין
היינטיגען פרייטאג אווענט
אין ארענדזש האל
צוריק גערופען אויף אן אונבעשטימטער צייט. די טיקעטס וועלען זיין גוט ווען דער באל וועט אנאנסירט ווערען.
ב. בארוכאוו ברענטש.

די „סיטי דיי ווארקס"
פרענטש קלינערס, פארבערס און פרעסערס
האבען איינגעריכטעט א נייעם פלענט מיט די מאדערנסטע מאשינען.
צו קלינען פארבען און פרעסען
אייערע געטראגענע קליידער
עס ווערט געמאכט לויט די נייעסטע און בעסטע באקוועמליכקייטען.
מיר נעהמען אן און דעליווערען ארדערס איבער דער גאנצער שטאדט פון שניידער, אזוי גוט ווי פון פריוואט קאסטימער.
אונזערע נייע מאשינען זענען די בעסטע פאר די קליידער.
איהר ווערט איינגעלאדען צו זיין אונזער קאסטימער כאטש איין מאהל
קומט זעהן אונזער פלענט, מיט אונזערע איינריכטונגען. איהר וועט דאמאלס פאזיטיוו ווערען אונזער קאסטימער.
צופרידענהייט גאראנטירט פאר אלע סארטען ארבייט.
אונזער אדרעס איז:
351 קאלעדזש סט.
טעל. קאלעדזש 2628
The City Dye Works
351 COLLEGE ST.

100־טער בייסיקעלס 100־טער
נייע אויך סעקאנד הענטיגע בייסיקעלס פארקויפט צו בילינגע פרייזען קומט זיי זעהען
עס מאכט ניט אויס אויב איהר צאהלט ניט באלד קעש אייער קרעדיט איז ביי אונז גוט.
קומט וואס פריהער און קלייבט זיך אויס דאס בעסטע וועלכעס אייך געפעהלט.
אונזער מאשינערי יעדע עהרליכע באהאנדלונג מיר רעפערירען בייסיקעלס בייבי קערידזשעס און אויך ווי. מיר גאראנטירען אטאמאבילס און טעקסעס

Miles of Joy

ארבייט גאראנטירט
ש. הימעל אגענט פאר רעמבלערס בייסיקעלס
טעלעפאנירט אונז נאך אייער רעפערירונג. ס'מאכט ניט אויס ווי קליין דער דזשאב זאל ניט זיין. מיר ווילען אייערע ביזנעס.
אטאמאביל טייערס און סופלייס. בילינער ווי איבעראל.
PEERLESS BICYCLE WORKS
195 Dundas St. W. Tel. Ad. 3582

LOEW'S
לאעו'ס יאנג סטריט טהעאטער
טעל. מיין 3600 — היי קלאס וואדעוויל באקס סיטס רעזערווירט.
אונאונטערבראכען
12 מיטאג ביז 11 נאכמיטאג
נאכמיטאג 10 סענט. 15 סענט.
אווענד 10 סענט 15 ס. און 25
די וואך פון אקטאבער דעם 14־טען
קלארא קימבעל יאנג אין „די צוואנג"
„מיסעס אמעריקא" וויליאמס און מיטשעל ווערע דע באסיני, לאקרוארט און לאדוע נייט און סוועטעל וויליאם סיסטאו.
„פעטי" ארבאקל אין דער "קאף"
די פארשטעלונג אין ווינטער גארדען זיינען דיזעלבע ווי אין לאוס טעאטער

Prof. Michael Angelo

MICHAEL ANGELO'S
MUSIC SCHOOL
יעדען איז שוין בעקאנט די לייכטע און ערפאלגרייכע סיסטעם פון פראפעסאר אנדזשעלאס לערען פידעל, מאנדאלין קארנעט סאקסאפאן און אלע אדערע בלאז און סטרונע־אינסטרומענטען.
ער לערנט אנפאנגער און אויך פראפעסיאנעלע מוזיקער.
פאר איינצעלהייטען טעלעפאנירט אדער געהט זיך דורך אין סטודיע. בעדינגונגען זעהר מעסיגע.
Studio, Office, 450 Spsdina Ave.
Tel. College 17

די ניסענבוים עלעקטריק ווייערינג
און פיקטשורס קאנטראקטינג
קאנטראקטס ווערען אנגענומען אין אלערליי ווייערינג, אין אלטע ווי נייע הייזער, סטארס און פעקטארים, מיר גיבען ספעציעלע אטענשאן אויף אלעקטריק מעקעניקעל ריפייר, אלעס ווערט געמאכט מיט די בעסטע קאנדישאנס.
מיין מאטא איז צופריעדענהייט.
יעדער טעלעפאן קאל ווערט גלייך אטענדעט.
טעלעפאנירט מיין 6367 פאר
ס. ניסענבוים 240 קווין סט. איסט

וויכטיג פאר סטארקיפע"ס און פעדלערס!
מיר האבען א פיינען ליין ווייסווער ווייסטען, אנדערסקירטס נייטגאונס פאר [illegible] אין גלאוועס, אימפארטירטע דירעקט פון יאפאן, און אנדערע פערשיעדענע [illegible] צו די בילינסטע פרייזען.
א ספעשעל ליין אין [illegible] און מענס [illegible] איך פערשיעדענע [illegible] צו די בילינסטע פרייזען ניט אינז א טרייעל און איבערציינט אייך.
CAPLAN, WHOLESALE DRY GOODS
229 Queen St. W. TORONTO Phone Ad. 3772

ביזנעס לייט אויפמערקזאם
א גרויסער מואווינג סייל בארגיין
א גרויסע ליין פאר קאוטס און פאר ־ לייכטע קאוטס, סוטס, גלאוועס, זאקען, מענער אונטערוועש, און אנדערע פארשידענע ארטיקלען.
אלעס זעהר ביליג.
The United Jobbing and Importing Co.
190 יארק סטריט טעל. ערד. 1510

מ. העלער
176½ קווין סט. וועסט. טאראנטא
נייעס פאר אידען!
מיין אידישע סטאר פאר אידען



מיר מאכען אלערליי דזשועלרי גלייך אייז'ן פלאץ, חתונה רינגען, געמאכט ווייל איהר ווארט. מיר פיקסען אלערליי דזשועלרי פאר דעם בילינגסטען פרייז.
14 קערעט חתונה רינגען 80 סענט א פעניוועיט, 18 קערעט חתונה רינגען $1.00 א פעניוועיט.
וואטשעס געקלינט און גאראנטירט, 40 סענט. מיין ספריננס 40 סענט, היר ־ ספרינג 40 סענט, דזשולס 40 סענט, סטעפס 60 סענט. מיר מאכען אייערע אלטע דזשולערי ווי ניי פיר א קלייענע פרייז. אלערליי ברילען ריכטיג געפאסט צו אייערע אייגען 98 סענט. מיר גיבען אייך די איעלע סחורה פאר דעם בילינגסטען פרייז.

ארגאניזאציעס און פריוואט פערזאנען
פארשרייבט אייער נאמען
אין
זשורנאל יובילעאום נומער
איהר וועט האמיט העלפען
די מלחמה קרבנות
די צייט איז קורץ. ווענדעט זיך צו:
TORONTO CONFERENCE
L. ROSENBERG Sec.
206 BEVERLEY ST. ZION INSTITUTE

לואיס מ. סינגער
לאיער און נאטארי פאבליק
קאמישיאנער פאר אלע פראווינצען פון קאנאדא
לאו אפיס 154 סימקאו סטריט טעלעפאן אדעלייד [illegible]
וואוינונג 433 פאלמערסטאן בולווארד טעלעפאן [illegible]

מיר מאכען אייערע אלטע קליידער ניי
ל. ווהייט און סאנס
בעסטע אידישע קלינערס פארבערס און פרעסערס
270 קווין סטריט וועסט. טעלעפאן אדעלייד 1279
פעקטארי 135 וויליאם סט. טעל. אדעלייד 2015
צו פארענטען פול דרעס סוטס סילק העטס פאר חתונות און בעלער

קויפט אייערע קוילען פון
יאנעווער בראדערס
וואו איהר בעקומט בלויז ראדזשערס קוילען מיט ראדזשערס פיקעס
נעמט צו 120 יוניווערסיטי עווענו קאר. דאנדאס סטריט
יעצטיגער טעלעפאן קאלעדזש 376

טאראנטאר כשר'ה
ווארשט פעקטארי
266 פארלאמענט סטריט
טעלעפאן מיין 909
לאזט וויסען די אלע אידישע גראסערים און אייז־קרים פארלארס, אז זי האט שוין ניט בה"ש קיין מארגעדזשעס אויף איהרע פראפערטים. און אזוי ווי פלייש איז אויך ביליגער געווארען, ווילען זיי האבען פון די ביזנעס ניט מעהר ווי אינטערעסט.
האבען זי דערפאר באשלאסען צו פארקויפען דע בעסטען ווארשט ביליגער מיט 2 סענט ווי די אנדערע ווארשט פעקטארים פארקויפען
זאלט איהר עצה האלטען פון דעם פסוק אדם קרוב לעצמו.
און אפשר וועלען די אנדערע ווארשט פעקטארים זאגען אז אונזער ווארשט איז ניט כשר כדי צו קענען נעהמען א גרעסערען פרייז זאלט איהר ניט זיין גענארט.
זאלען זיי מאכן איבערצייגען אז זייערע איז כשר'ער און ווי טראגען די השגחה פון די טאראנטאר רבנים.
דאמאלס פארפליכטעט זיך די טאראנטאר ווארשט פעקטארי צו געבען 200 דאלאר פאר מלחמה קרבנות, אזוי ווי זי האט שוין אמאל אדווערטייזט אין „אידישען זשורנאל".
רעכנט ניטשט אז יעדער איד וואס געהט אריין אין די רעליקאטעסען סטארס פון קווין סטריט אדער אין דער אייז קרים פארלאר פון עליזאבעט סטריט, וועלכע איז שבת געשלאסען און באצאהלט א גרויסען פרייז קריגט איהר אנדערע ווארשט אדער קארנד ביף.
נארט זיך ניט אין דעם, ווייל אויך זיי קויפען ביי די פעקטארים פון טאראנטא.
אונזערע כשר'ע פליישען ווערען געקויפט ביי די יעניגע אידישע האלסייל עלרס פון די שלאכט הייזער ווי פאלגט:
ר' חיים סאלאוויי, רב גארדאנס שוהאגער, עבינזאן, יהיאל וואגמאן, ל. סאלקאוויטש און דער שוחט מר. סכין.
אלזא לאזט אייך גוט איינרערען און פארשטעהט זעלבסט, אז איהר ווערט גענארט כדי צו נעהמען גרעסערע פרייזען.
שיקט גלייך אייערע ארדערס, צו
טאראנטא ווארשט פעקטארי
266 פארלאמענט סטריט
וואו איהר באקומט די בעסטע כשר'ע ווארשט, קארנד ביף, סמוקפלייש, ווינערס, רינגס ווארשט, צונגען, ספאק. דיקע בייליגע לייקס, געסמוקטע פיש קארפ, און בריק טשיז בילינגער מיט 2 סענט.
געדענקט עס!

ש. סאבאלאוו
(געוועזענער פאראייער אקאדעמיע)
האט ערעפענט א סטורי'א
אין 468 יאנג סטריט
באשטעלונגען אויף פאטרעטען ווערען אנגענומען.
עס ווערען אויך געגעבען לעקציעס אין צייכנען און מאהלען.

„זייגערס זייגערס זייגערס"
יעצט האט איהר די געלעגענהייט זיך צו באזארגען מיט א גוטען גאלדענעם זייגער פאר א ביליגער פרייז
איזידאר שאט פון 407 קווין סט. וועסט
(לעבען ספעדיינע)
אפערט לכבוד יום טוב א 14 קערעט גאלדענעם זייגער (א צוגעפאכטען) א 16 סייזען מיט א 17 דזשויל וואלטהעם מאוומענט פאר
$35.00
דאס איז ביליגער ווי האלסייל פרייז
קומט גלייך און באזארגט זיך מיט א זייגער.
האלסייל און ריטייל דזשולער.
I. SHOOT 407 QUEEN W.
Phone Adelaide 3390

THE EATON COAL CO.
Phone Ad. 2696
איטאן קאהל קא.
אפיס 352 קווין וועסט טעל. ערד. 2696